Right, אבער לאמיר זיין קלאר. רשות היחיד, מעיקרא, ס'איז דא נקודות לגבי דעם, אבער די עיקר הלכה איז... דער רמב"ם געבט דא דריי examples פון רשות היחיד. דריי, right? נישט נאר צוויי. איך האב עס געציילט אביסל אזוי ווייל ס'איז אביסל גרינגער, אבער ער געבט דא דריי examples פון רשות היחיד. און ס'איז יא דא א תנאי, באלד וועלן מיר זען, מ'דארף לערנען ווייטער. אבער רשות היחיד, מעיקר הגדרה פון רשות היחיד איז א מקום ד' על ד' על יד, וואס איז אדער האט א מחיצה אדער איז דא תל הנחרץ וואס איז כעין מחיצה. דאס איז וואס ס'איז. פאר וועמען ס'באלאנגט האט נישט קיין שום... פשטות, ער זאגט געווענליך קיין שום ענין פון בעלות. ס'איז נישט אז רשות היחיד מיינט ס'באלאנגט פאר איין מענטש. דער אמת, א רשות הרבים איז יא דא א תנאי אז ס'דארף זיין א פלאץ וואס רבים באים ובאים בו, אין א געוויסע זין איז רשות היחיד די אפאזיט פון דעם, אבער די עיקר הלכה וואס די רמב"ם זאגט דא איז נישט די הלכה. רשות היחיד מיינט נישט דווקא... מ'רעדט נישט פון בעלות.ביידע זאכן רעדט מען נישט פון וועמען ס'באלאנגט. ס'באלאנגט פאר די מושל פון די שטאט, אבער ס'איז אפן פאר יעדן, איז עס נאך אלץ רשות הרבים.

## Speaker 2:

אבער... איך מיין ער הייבט יא אן, איך מיין ביי ביידע פלעצער, ער וויל דאך נישט קודם זאגן... ער זאגט דאך קודם די ווייניגער אבוויעס. שוק איז די מערסטע אבוויעס, אדער א מקום מוקף ד' מחיצות לדירה איז אויך די מערסטע אבוויעס. דאס איז טייטש רשות היחיד. אבער ער זאגט דאך נישט נאר דאס.

#### די דריי דוגמאות פון רשות היחיד

## Speaker 1:

ער הייבט אן מיט דעם וואס איז אביסל מער א חידוש. אז אויכעט א בערגל וואס איז **גבוה עשרה טפחים ורחבו ארבעה טפחים על ארבעה טפחים**, מה יאסט אז ווייל ס'איז אביסל הויך און ס'האט א געוויסע זאך, איז עס א רשות לעצמו. אפילו לאמיר זאגן אז ס'איז אין א מדבר אדער אין א פלאץ וואס די גאנצע פלאץ ארום איז אפן, אבער דער פלאץ ווערט אזוי ווי א פלאץ פאר זיך, ווייל ס'איז נישט עפעס וואס מ'טרעט אדורך. ס'איז דאך למשל, ס'איז לעבן א רשות הרבים, גייען נישט די מענטשן וואקן אויף דעם, ווייל ס'איז... מ'דארף ארויפקריכן אויף דעם צען טפחים, און ס'איז א זאך פאר זיך, ווערט עס א זאך פאר זיך, ס'ווערט א רשות היחיד.

סאו תל מיינט א בערגל **גבוה עשרה טפחים ורחבו ארבעה טפחים על ארבעה טפחים או יתר על כן**. די זעלבע זאך חריץ, ס'איז דא צוויי וועגן וויאזוי ס'זאל נישט זיין די רשות הרבים לעווער, ווייל ס'איז א טיפערע גרוב אראפ, **שעמוק עשרה ורחב ארבע על ארבע או יתר על כן** הייסט אויך רשות היחיד. **וכן מקום שהוא מוקף ארבע מחיצות**. בעצם אלע דריי איז מחיצות, נאר די דריטע איז ממש מחיצות. די אנדערע זענען אזא... ס'איז א בארג ארויף, איז עס אויטאמאטיש אזוי ווי א מחיצה, אדער די קריץ אראפ ווערט אזוי ווי א מחיצה. אדער א פלאץ וואס האט ממש ד' מחיצות. ווי גרויס דארף מען זיין די מחיצות? זיי זאלן זיין צען טפחים, און ביניהם דארף זיין ארבעה על ארבעה טפחים או יתר על כן.

#### הוקף לדירה — וואס מיינט עס?

זאגט ער, **אפילו יש בו כמה מילין**, אפילו אויב די גרויסקייט פון די פלאץ איז א פאר מילין, א מיל איז דאכט זיך צוויי טויזנט אמה, אבער אויב איז עס **אם הוקף לדירה**, אויב איז עס אבער געווארן ארומגענומען, ס'הייסט די מחיצות איז געמאכט געווארן עס אפצוטיילן פון די פלאץ ארום אז ס'זאל זיין לדירה, **כגון**, גייט ער ברענגען וואס ס'איז טייטש מוקף לדירה, אז ס'באלאנגט נישט פאר אן אינדיווידואל, וואס טייטש "הוקף לדירה"? **כגון**, זאגט ער, "הוקף לדירה" מיינט נישט איין מענטש זאל וואוינען דארטן. "הוקף לדירה" — פאר צו וואוינען, פאר וואוינונג. **כגון, מדינה**, א שטאט וואס איז **מוקף חומה שדלתותיה ננעלות בלילה**, וואס איז ארומגענומען מיט א חומה וואס מען שפארט צו די טירן ביינאכט. איז דאך פשט אז ס'שפארט זיך צו, איז פשט אז ס'איז נישט א מקום הפקר, ס'איז א פלאץ וואס ווערט צוגעמאכט, און ס'איז א זאך פאר זיך. אדער **מבואות**, געסלעך וואו מען קען אריבערגיין, אבער וואס האט דריי כתלים, ס'האט דריי ווענט, ס'איז ארומגענומען מיט דירות פון די זייטן, אדער ווענט, **ולחי ברוח**

**רביעית**, און אויף די פערטע זייט וואס איז יא אפן, איז אבער אויך דא עפעס א לחי – מיר וועלן לערנען אסאך מער שפעטער וועגן די לחי. **וכן, אדער א חצר, אדער א דיר** – א פלאץ פון בהמות, **אדער סהר**, אה... וואס טייטש סהר?

## Speaker 2:

סהר מיינט א... א סירקל?

## Speaker 1:

יא, א האלבע לבנה, א געיט, אקעי. **שהוקפו לדירה**, וואס זענען ארומגענומען געווארן פאר וואוינונג, **כולן רשות היחיד גמורה**. די אלע זאכן הייסן א רשות היחיד.

די הוקף לדירה מיינט לאפוקי וואס מיר גייען לערנען א כרפס, וואס איז אפן, וואס איז א גרויסע געיט, און ס'איז נישט פאר מענטשן צו וואוינען, נאר פאר עפעס אן אנדערע ריזן, דעמאלטס האט עס נישט קיין דין רשות היחיד מדאורייתא. ס'איז אן אנדערע דין, ס'קען ווערן א מקום פטור אדער כדומה. רייט, א כרמלית, א כרפס. דאס איז די טייטש אז ס'איז רשות היחיד.

### כלים ווי רשות היחיד

לאמיר זאגן נאך איין הלכה. אפילו כלים, א כלי קען אויך הייסן א רשות היחיד, אויב ס'איז א גרויסע כלי. **כגון ספינה**, א שיף, **או מגדל של עץ** – א גרויסע... געוועהנליך מגדל של עץ מיינט א שאפע, אבער דא מיינט מען עפעס א געביידע געמאכט פון האלץ. ס'קען מיינען א שאפע, מ'רעדט נישט פון א גרעסערע שאפע. **אם יש בהן רוחב ארבעה**, אויב ס'איז נאר א כלי, די חידוש איז אז ס'איז א כלי, ס'איז נישט בכלל קיין רשות. א פרידזשידער וואס איז גבוה עשרה רחב ארבעה, איז א רשות היחיד גמורה. **אם יש בהן רוחב ארבעה וגבוה עשרה על ישראל**, אזוי... **הרי הן רשות היחיד גמורה.**

ס'איז נישט קיין הוקף לדירה, אבער הוקף לדירה איז נאר א תנאי ביי זייער גרויסע זאכן. ביי א קליינע זאך מיינט עס נישט אלעמאל אזוי. און רשות הרבים וואס איז, האט די ישיבה, טאר מען נישט אריינלייגן דערין, וואס הייסט רשות היחיד.

### הלכה ג — עובי המחיצות

אקעי, לאמיר נעמען נאך אביסל הלכות רשות היחיד, נאך איין הלכה. ווייל מיר וועלן ווייטער... מ'האט געשמועסט אז רשות היחיד איז ווען ס'איז ארבעה על ארבעה, ווי רעכנט מען די ווענט אליין? זאגט ער אזוי, "עובי אכסדרה".

### מגדל של עץ — רשות היחיד גמור

געוועהנליך מגדל של עץ מיינט א שאפע, אבער דא מיינט מען עפעס א געביידע געמאכט פון האלץ. דאס קען מיינען א שאפע, א גרעסערע שאפע. **אם יש בו ארבע על ארבע**, נישט אזוי פיר.

אויב ס'איז נאר א כלי, דאך איז פשט אז ס'איז א כלי, ס'איז בכלל נישט קיין רשות? אוודאי איז דאס א רשות היחיד. א פרידזש וואס איז גבוה עשרה רחב ארבע, דאס ווערט א רשות היחיד גמור. **אם יש בו ארבע על ארבע בגובה עשרה, הרי זה רשות היחיד גמור.** ס'איז נישט קיין הוקף לדירה, אבער הוקף לדירה איז נאר א תנאי ביי א גרויסע זאך. ביי א קליינע זאך, א באקס, איז אוטאמאטיש רשות היחיד, און נישט רשות הרבים וואס איז הדדי, דו מוזט נישט אריינלייגן דערין, וואס הייסט רשות היחיד.

### עובי אגפלין של רשות היחיד

אקעי, לאמיר לערנען נאך א ביסל הלכות רשות היחיד, נאך איין הלכה. ווייל מ'האט געשמועסט אז רשות היחיד איז ווען ס'איז ארבע על ארבע, וויאזוי רעכנט מען די ווענט אליין? זאגט ער אזוי, **עובי אגפלין של רשות היחיד, די דיקקייט פון די ווענט של רשות היחיד, כרשות היחיד.** דאס איז א קל וחומר. דאס הייסט, אז אויב איינער לייגט ארויף עפעס אויף די ווענט אליין, הייסט עס שוין ווי ער האט עס געלייגט אויף די רשות היחיד. און ער זאגט פארוואס? ווייל **"ומה חרם המושם בחוץ עושה רשות היחיד, הוא עצמו לא כל שכן?"** וואס מאכט די רשות היחיד פאר א רשות היחיד? די ווענט. איז פשט אז די ווענט מאכט די רשות היחיד, איז לא כל שכן אז ס'קען מאכן רשות היחיד, איז עס אליין אויך א רשות היחיד.

### דיסקוסיע: די קל וחומר פון עובי אגפלין

איך פארשטיי נישט די קל וחומר דאס. ס'איז אזויווי דער שומר מוז קענען היטן זיך אליין. נישט פארקערט, די כלל איז אז ס'קען זיין א זאך וואס איז מטמא טמא טהורים. נישט אייביג איז דא דער כלל אז א זאך מוז האבן... יא, איך פארשטיי נישט אז ס'איז גוט דאס. די גמרא זאגט אז ס'איז א קל וחומר. מ'קען הערן פארוואס, מ'קען הערן אז די רשות היחיד הייבט זיך אן פון ווי די וואנט הייבט זיך אן, נישט די לעכער אליין איז סימפל. פארוואס דארף מען זאגן די קל וחומר? זאגסטו קען זיין אז מ'לערנט עס ארויס פון א קל וחומר. איך בין מסביר אז ס'איז אזוי. אהא, ס'איז די לשון הקל וחומר. דאס איז די לשון הגמרא.

### אויר רשות היחיד ורשות הרבים

דער רמב"ם ווייטער, **אוויר רשות היחיד**, עפעס וואס האט נישט געלאנדעט אויף די פלאר פון רשות היחיד, נאר ס'איז אנגעקומען אין די אוויר רשות היחיד, **איז כרשות היחיד.**

וואס טוט זיך העכער די רשות היחיד? רשות היחיד, אוויר או די אוויר העכער די רשות היחיד, אדער דינקער רשות היחיד **עד לרקיע**, ס'איז **בוקע ועולה עד לרקיע** הייסט די רשות. אויב האט ער אריבערגעווארפן עפעס אין די לופט העכער רשות היחיד, איז פשט אז ער האט עס געווארפן אין רשות היחיד. דארט פאלט עס על אתר דאתר, דל דל דל, וואטעווער, דאס איז רשות היחיד.

אבער **אוויר רשות הרבים, די אוויר פון רשות הרבים איז נישט כרשות הרבים אלא עד עשרה טפחים.** רשות הרבים איז נאר ביז עשרה טפחים. **למעלה מעשרה באוויר רשות הרבים איז א מקום פטור.** דאס איז שוין א באזונדערע רשות.

### הלכה ד — ארבע רשויות לשבת

**סעיף ד' ווייטער, ארבע רשויות לשבת.** מיר האבן שוין גערעדט וועגן צוויי רשויות, מיר האבן גערעדט וועגן רשות הרבים און רשות היחיד, און אויב מען טראגט פון רשות הרבים צו רשות היחיד אדער פארקערט, איז מען עובר אויף די איסור הוצאה. אבער ס'איז דא נאך צוויי רשויות, וואס צוזאמען איז עס פיר רשויות. דאס הייסט, אויסער רשות היחיד און רשות הרבים וואס מיר האבן שוין אויסגערעכנט, איז דא נאך צוויי וואס הייסט כרמלית און מקום פטור. און מיר וועלן שוין זען וואס די הלכות, וואס די גדרים פון די צוויי פלעצער. אבער קודם גייט ער אויסרעכענען וואס זיי זענען, און נאכדעם גייט ער זאגן וואס די הלכות פון זיי זענען.

### איזהו כרמלית — די פינף סארטן

גייט ער אויסרעכענען **איזהו כרמלית. איזהו כרמלית?**

#### 1) תל

**תל, א בערגל, שיש בו ארבעה טפחים על ארבעה או יותר על הקרקע**, די ברייט איז לכל הפחות פיר אויף פיר טפחים, **וגבוה משלשה ועד עשרה**, און די הויכקייט איז פון דריי ביז צען, איז דאס א כרמלית. **שהכרמלית אינו תופס אלא עד עשרה.** אויב וואלט עס געווען צען טפחים הויך, וואלט עס געווען א רשות היחיד, וואלט עס געווען אן עקסטערע רשות. אבער אויב וואלט עס געווען ווייניגער ווי דריי, וואלט עס געווען לבוד, וואלט עס געהייסן ווי ס'איז א גראדע פלאץ. אבער היות אז ס'איז העכער ווי דריי, איז עס שוין נישט רעגולער קרקע, ס'איז שוין עפעס עקסטער, און ס'איז נישט גענוג הויך אז ס'זאל ווערן א רשות היחיד, איז עס עפעס אזא מיטל פלאץ וואס ווערט אנגערופן א כרמלית. **שהכרמלית אינו תופס אלא עד עשרה, ורחבו אפילו פחות מארבעה על ארבעה.**

#### 2) חריץ

ווייטער, **וכן**, א תל איז עפעס וואס שטעקט זיך ארויס העכער די קרקע, און א חריץ איז עפעס וואס שטעקט זיך אריין טיף אין די קרקע. **וכן חריץ, א**

**גרוב שיש בו רחב ארבעה על ארבעה או יותר על כן, ועומק משלשה ועד עשרה.**

### 3) מקום שהוקף ארבע מחיצות

**וכן**, איז דא נאך א מקום וואס האט א גדר כרמלית, **מקום שהוקף ארבע מחיצות**, וואס די מחיצות זענען **גבוה משלשה ועד עשרה.** ס'איז נישט פול מחיצות, ס'וואלט געווען העכער צען וואלט עס שוין געווען גאנצע מחיצות. ס'איז א שטיקל מחיצות, **ובו רחב ארבעה על ארבעה או יותר על כן**, איז א כרמלית.

### 4) קרן זוית הסמוכה לרשות הרבים

**וכן**, נאך א... די פערדע סארט כרמלית, **קרן זוית הסמוכה לרשות הרבים.** א ווינקל, א קארנער, וואס איז אפן צו רשות הרבים, אבער ס'איז נישט א חלק פון רשות הרבים. **והוא המקום שהוקף שלש מחיצות, ס'איז ארומגענומען מיט דריי מחיצות, והרוח הרביעית רשות הרבים,** די פערדע זייט איז רשות הרבים. **כגון**, זאגט ער כגון, וואס איז א דוגמא, **מבוי**, א מבוי איז א גאס וואס האט... וואס איז ארומגענומען מיט ווענט פון אלע זייטן, אדער הייזער פון אלע זייטן, דריי זייטן, פון דריי זייטן, און ס'איז אפן צו רשות הרבים.

סאו די ווינקל וואו ס'איז אפן צו רשות הרבים, טייטש דארט וואו ס'איז טיף אריין אין די מבוי... אה, ניין, די גאנצע מבוי, אנטשולדיגט. א מבוי וואס האט ארומגענומען מיט דריי זייטן, און די פערדע זייט איז אפן צו רשות הרבים, איז אויב לייגט מען א לחי אדער א קורה, דעמאלטס הייסט עס בכלל נישט קיין רשות הרבים, ס'הייסט רשות היחיד. אבער אויב לייגט מען גארנישט, איז דאך נישט קיין רשות הרבים, ווייל ס'איז דאך ארומגענומען מיט דריי זייטן, אבער היות ס'איז אפן צו רשות הרבים, האט עס עפעס אין וואס ס'איז ענליך צו רשות הרבים, אז ס'ווערט נישט אינגאנצן אויס רשות הרבים, און ס'ווערט אנגערופן א כרמלית.

### 5) הימים והבקעה

**וכן**, די פיפטע זאך איז, **הימים והבקעה.** וואסער אדער א טיפע טאל, **בין מימות החמה בין מימות הגשמים.** ער זאגט נישט קיין חילוק מימות החמה מימות הגשמים, ווייל לגבי אנדערע זאכן, איך מיין פעלדער אדער וואס, גייט זיין א חילוק צווישן רשות הרבים און רשות היחיד. די זאכן זענען כרמלית. טייטש, למשל, א ים איז אנדערש ווי א מדבר, ס'איז ביידע פלעצער ווי ס'איז אזוי הפקר, אבער מ'גייט נישט דארטן. אבער א מדבר קענען מענטשן גיין, קענען גרויסע גרופס גיין, אדער האבן מיר געלערנט אז א מדבר איז א רשות הרבים. אבער א ים איז טעקניקלי מעג מען גיין, ס'באלאנגט פאר די רבים, אבער מ'דארף בויען א שיף, ס'איז שוין א גאנצע עסק, הייסט ס'איז נישט רשות הרבים, האט עס א דין כרמלית.

**דיסקוסיע: וואס מיינט "בקעה"?**

וואס איז די טייטש פון די ווארט כרמלית, האסטו מיר שוין אויסגעזאגט? כר-מ-לית. זאגט מען די ווארט כרמל. כרמל איז א בארג אין ארץ ישראל, הר הכרמל, איך ווייס נישט. פארוואס הייסט דער בארג אזוי? ס'איז א נאמען, רייט? יא, הר הכרמל. פארוואס הייסט עס הר הכרמל? איך ווייס נישט.

**דריי פשטים אין דעם ווארט "כרמלית"**

**פשט 1: רמב"ם — כארמלית (אלמנה)**

סאו ער ברענגט אז דער רמב"ם זאגט אין פירוש המשניות אז כרמלית איז לשון כארמלית, וואס דאס איז אן אלמנה. די רשות איז אזוי ווי אן אלמנה. ס'איז נישט קיין רשות פון די יחיד, און נישט קיין רשות פון די רבים. נישט די יחיד, ��ווייל די יחיד באלאנגט פאר די יחיד. רשות הרבים באלאנגט פאר די רבים. כרמלית באלאנגט פאר קיינעם נישט.

**פשט 2: תוספות — תבואה וואס איז כרמל**

ס'דא אנדערע פשטים. יא, תוספות זאגט אז ס'איז לשון כרמל, אבער נישט די הר הכרמל, נאר תבואה וואס איז כרמל. ווען ס'איז נאך אינגאנצן נאס, איז עס נאך תבואה וואס וואקסט. ווען ס'הייבט אן אויסצוטריקענען, האט עס שוין אן אנדערע נאמען. כרמל איז די בין השמשות פון תבואות. און כרמלית איז עפעס אזוי די בין השמשות, די מצב ביניים צווישן רשות הרבים און רשות היחיד.

בין השמשות איז א ספק. דאס איז נישט קיין ספק. ס'האט זאכן מיט וואס ס'איז ענליך צו רשות הרבים, און זאכן מיט וואס ס'איז ענליך צו רשות היחיד. יא, ס'איז אן אמצעי. דאס איז א בעסערע ווארט.

ס'איז אינטערעסאנט, ווען ס'איז דא אזא מין ווארט און מ'טרעפט אזעלכע מיני תורות, כארמלית, ס'סאונדט ווי עפעס די אמת האט מען נאך נישט אנטדעקט, ווי ס'מוז זיין עפעס מער פשוט'ער.

**פשט 3: רש"י — פעלד פון ביימער**

ניין, רש"י'ס פשט וואס ער ברענגט, די דריטע פשט, דאס מאכט די מערסטע סענס, אז כרמל איז א... איך מיין פארדעם הייסט עס הר הכרמל. כרמל מיינט אזוויוי א פעלד אדער א פלאץ פון ביימער. אזוי מיין איך איז די איבעריגע טייטש כרמל. "יער וכרמל", ער ברענגט דארט א פסוק אין ישעיה. איך מיין אז כרמל איז א פלאץ פון פרוכט ביימער, עפעס אזוויוי א פרדס. אזוי. איך געדענק אז ס'איז דא נאך פלעצער אין תנ"ך דעם ווארט. און לכאורה דאס איז א דוגמא פון א כרמלית. א בקעה, כאילו, בקעה טייטשט אזוי ווי א פלאץ וואס ס'וואקסט זאכן. דאס טייטשט כרמל, איין ווארט, האלט איך גוט ראכט. כרמלית.

בקעה ווייסט זיך נישט אז דאס ווארט מיינט אז ס'וואקסט זאכן. בקעה מיינט א פלאץ וואס איז טיפער, וואס איז א טאל. ממילא איז עס נישט קיין רשות הרבים.

ס'איז א פלאץ וואו מ'דרייט זיך נישט, ווייל ס'איז עפעס אונטן פון א בארג. ניין, ניין, ניין. בקעה, אויב איך געדענק, ווי ס'שטייט דא? "בקעה מסודרת שאין בה מחיצות". בקעה איז לפתחי הר, אויפן בארג. קען זיין דער בארג אויך, דער אמת איז. אבער א בארג פשוט פלאנצט מען נישט געווענליך, קיינער דרייט זיך נישט, ס'איז שווער, מ'דארף קריכן. און די בקעה פלאנצט מען חוץ, און ס'ווערט רשות היחיד. דאס איז א פלאץ וואס ס'איז נישט ממש, אפשר איז עס א נעטשרעל פלאץ וואס ס'וואקסט סתם, ווילד געוואקסן, ס'איז נישט איינער האט עס געוואקסן. אפילו לאמיר זאגן מ'פלאנצט, אבער ס'איז נישט קיין... נישט איינגעצאמט.

**אויר כרמלית**

אקעי, און וואס טוט זיך מיט די... ס'ווענדט זיך וועלכע מחיצות, סאהדיר, סאהדיר, קפלוטירא, וואטעוועבער. יא, וואס טוט זיך מיט די אויר? מיר האבן שוין געלערנט, דאכט זיך, אז די אויר פון יעדע רשות באקומט א דין אזוויוי יענע רשות. דאס הייסט, רשות היחיד איז עולה רשות היחיד, הייסט אויך די אויר אויבן רשות היחיד. רשות הרבים העכער צען הייסט נישט רשות הרבים. און ער זאגט, וואס איז די אויר מיט כרמלית, יא? דאס הייסט, ס'וועט נוגע זיין אויב איינערווארפט העכער א כרמלית. זאגט ער, **אוירא דכרמלית הרי היא ככרמלית עד עשרה טפחים.** ביז צען טפחים האט עס די זעלבע דין ווי כרמלית. דאס הייסט, למשל, איינער ווארפט פון די כרמלית צו די אוירא דכרמלית, איז ער נישט ארויסגעגאנגען פון די כרמלית, ער איז נאך געבליבן אין די כרמלית. **אבל למעלה מעשרה טפחים, אוירא דכרמלית הרי היא כמקום פטור.** אבער למעלה מעשרה טפחים, אבער אסאך העכער די כרמלית, ווערט נישט די אויר א חלק פון די כרמלית, נאר ס'איז א גדר פאר זיך וואס הייסט מקום פטור.

**אויר פון ימים ונהרות**

**לפיכך**, איז אזוי, **המים שבימים ושבנהרות**, וואס טוט זיך מיט די אויר העכער די וואסער אין די ימים און די נהרות? איז **עד עשרה טפחים באוירן**, ביז צען טפחים נאנט צו די ים אין די לופט, האט א דין כרמלית, ווייל די ים אליין האט מען געשמועסט די ימים און בקעות כרמלית, אויך ביז עשרה טפחים איז כרמלית, אבער **למעלה מעשרה איז שוין ארויס פון די רשות פון די כרמלית און עס ווערט שוין א מקום פטור.** זאגט די רמב"ם, אבער דאס רעכנט מען **מעל פני המים.**

#### כרמלית — בור שבכרמלית

### Speaker 1:

אבער ניין, כל עומק המלא מים הרי הוא כקרקע עבה. מ'זאגט נישט אז צען טפחים העכער די וואסער איז בעצם הונדערט טפחים העכער די ערד פון אונטער די וואסער. די וואסער איז די זאך וואס פילט אן די שטח, און ס'ווערט אזויווי קרקע עבה.

אבער מ'קען נישט אריינגיין אין די וואסער. אדרבה, אויב מ'גייט אריין אין די וואסער איז נאך ארגער. מיר האבן געלערנט ענליך צו דעם, א בן אדם ווארפט אראפ אויף א וואסער, ווערסעס א בן אדם לייגט אראפ, אדער א בן אדם נעמט ארויס פון די וואסער. וואס האבן מיר דארטן געזאגט? אז ווען ער נעמט ארויס פון די וואסער, הייסט עס אזויווי ער האט ארויסגענומען פון די גאנצע וואסער. מ'זאגט נישט ער האט נאר גענומען פון אויבן.

אקעי, לאו דוקא.

וואס טוט זיך **בור שבכרמלית**? אינמיטן די כרמלית איז דא א בור. **הרי הוא ככרמלית**, ס'איז א חלק פון די כרמלית. **אפילו עמוק מאה אמה**, אפילו די בור איז עמוק מאה אמה, איז עס נאך אלץ א חלק פון די כרמלית, **ואין בו ארבעה**. אויב ס'האט נישט ארבעה טפחים.

אויב וואלט עס ווען געהאט ארבעה טפחים און ס'איז עמוק זייער טיף, וואלט עס ווען געווארן א רשות היחיד.

#### כרמלית — נאך סארטן

וואס נאך איז כרמלית? רעכנט ער אויס נאך זאכן. די תלמוד קורא האט ארויסגערעכנט די מעין כרמלית. דא רעכנט ער ארויס מער אזעלכע אינטערעסאנטע אופנים ווען עפעס ווערט א כרמלית, יא?

### Speaker 2:

יא, איך וואלט געטראכט אפילו פריער אז אויב מ'טראכט פון די ווארט כרמלית, לכאורה די עיקר כרמלית איז אזוי ווי די ים, ימים, והביקוע, וואס איז לכאורה א כרמלית, אז א סארט שטח אין די וועלט וואס איז א כרמלית.

די ערשטע דריי אדער פיר, תל, חריץ, מקום ד' משולש עד יוד וכדומה, זעט מיר אויס ס'איז אזוי ווי, ס'איז אזא חלומ'דישע דין כרמלית, פארשטייסטו? ס'איז מדמה צו א כרמלית. ס'האט די זעלבע דין, אבער לכאורה די אריגינעלע כרמלית איז לכאורה די ביקוע, וואלט איך סתם געטראכט.

### Speaker 1:

אקעי. איז דא נאך זאכן וואס האבן די דין כרמלית. ס'איז דא נאך זאכן וואס האבן הלכה'דיג די דין כרמלית, וואס זיי באקומען די דין כרמלית פאר סאם ריזען.

זאגט ער אזוי, **רשות הרבים שאין לה תקרה**, זיי האבן פריער געשמועסט אז איינמאל ס'האט א דאך איז עס שוין נישט קיין רשות הרבים. רשות הרבים איז א מקום אפן. ווען ס'באקומט יא א דאך, ווערט עס נאך נישט קיין רשות היחיד, ס'ווערט א כרמלית.

### Speaker 2:

אוי, שיין.

### Speaker 1:

**או שאין בה רוחב ט"ז אמה**. זיי האבן געשמועסט אז רשות הרבים איז א גאס וואס איז ברייט ט"ז אמה. אויב ס'איז נישט די ברייט, איז עס אויך נישט קיין רשות היחיד. וואס איז עס? יא, א כרמלית.

**אוכן אצטבא שבין העמודים העומדים ברשות הרבים**. אין די רשות הרבים פלעגן זיין פלעצער ווי ס'איז דא פאולס און אויף דעם א דעכל. אויב ס'איז א דעכל, איז עס שוין רשות הרבים שאין לה תקרה. אדער שאין לה תקרה.

וואס טייטש אצטבא? אצטבא טייטשט א פלאץ וואו מ'גייט?

### Speaker 2:

ער זאגט אז ס'איז א פלאץ וואו מ'זיצט. עפעס א... דארט ביי די עמודים פלעגט מען זיצן פארקויפן זאכן.

### Speaker 1:

אצטבא מיינט אזא סטענד, אזא פלאטפארמע, אזא וואס מ'קען זיצן דערויף. סתם, ס'איז א רוימישע ווארט צו עפעס. יא, און איך מיין די גמרא זאגט אזוי, ס'איז א פלאץ וואס איז געמאכט זיך אפצורוען. ס'איז נישט די רשות הרבים אליין, קיינער רוט זיך נישט אפ, מ'וואקט, מ'גייט, ס'איז עקטיוו. אצטבא איז אזא ווינקל ביי די זייט, אזא עקסטערע טעריטאריע פון די רשות הרבים, ווי מ'קען זיך אפרוען, **צווישן עמודים העומדים ברשות הרבים**.

דאס וועלן מיר זען די פאל, אויב ס'איז אין פראנט פון די עמודים איז עס משמע... ניין, דארט וועט מען זיך שפארן אויף די עמודים. אבער **בין העמודים**, דא עט ליעסט שטייט נאר **שבין העמודים**, ווייל דעמאלטס לכאורה עמודים איז געווען איינס און אויף, אבער וואס ס'איז געווען אונטער די עמודים, און בקיצור דארט איז נישט קיין פלאץ ווי מען גייט, אזויווי דו זאגסט, ס'איז א חורבה, ס'איז א צונוינגעפאלענע, אויב איך געדענק גוט, א רייע כרמלית.

### Speaker 2:

אויך **צדי רשות הרבים**, וואס מיינט צדי רשות הרבים? די זייט פון רשות הרבים? וואס מיינט עס? ס'איז דאך א פלאץ וואס שטייט אין רשות הרבים.

### Speaker 1:

אקעי, מיר וועלן זען. ניין, ס'גייט עמודים צו די רשות הרבים, האט ער מיט שוין מיין א מבוי. אקעי, מיר וועלן זען וואס ס'איז צדי רשות הרבים. ניין, צדדים הייסט, דאס איז אביסל יונט, מיט אן אנדערע נאמען. **קרן זוית הסמוכה לרשות הרבים**. נישט אין רשות הרבים, נאר א זאך פון די אלע זייטן וואס איז אפען דערצו.

צדי רשות הרבים איז למשל עפעס א שעלוו אין רשות הרבים, אדער מ'איז געגאנגען לכאורה לערנען הלכות וואס קומען ארויס פון די דין פון צדי רשות הרבים. מ'קען זאגן היינט אויך אז ס'איז ווי א סיידוואלק אפשר, איך ווייס נישט. די פלאץ איז וואס נישט... אקעי, נעבן די רשות הרבים אפשר. על כל פנים, עפעס א... נישט ממש א פארט פון רשות הרבים.

דאס הייסט אפילו ס'איז די זעלבע מחיצות, נישט קיין חילוק מחיצות, אזעלכע זאכן, אבער וויבאלד דארט איז נישט קיין פלאץ וואס איז די געהעריגע שימוש פון רשות הרבים, וויאזוי די מענטשן דרייען זיך אזוי שטארק, איז עס א כרמלית.

#### דיון: בין העמודים — רשות הרבים או כרמלית?

### Speaker 1:

**אבל בין העמודים**, אה, ער מאכט קלאר די חילוק צווישן די... אבער נישט אצטבא, ער זאגט נישט אצטבא בין העמודים, ער זאגט בין העמודים.

### Speaker 2:

אה, בין העמודים אליין. ס'שטייט צווישן די עמודים איז דא א שטח וואס איז ווי אן אצטבא, וואס דארטן רוהט מען זיך אפ, אבער בין העמודים סתם אזוי. אצטבא איז א... עפעס א בנין, עפעס א סטעפ, אדער עפעס א... א פלאץ פאר... אבער בין העמודים, אפילו ס'איז בין העמודים וואס איז אביסל אפגעטיילט פון רשות הרבים, אבער **הואיל ורבים דורסין בה**, מ'דרייט זיך דארטן, **הרי הוא רשות הרבים**, ס'איז יא א חלק פון רשות הרבים.

### Speaker 1:

אויב איך געדענק גוט, די גמרא זאגט אז מענטשן גייען דארטן ווען זיי ווילן זיך פיקסן זייערע זאכן וואס זיי האלטן אויף זיך, ס'קומט צוניץ די עמודים, מ'דרייט זיך דארטן, איז **הרי הוא רשות הרבים**. דאס איז כרמלית.

#### מקום פטור — הגדרה

עס גייט דער רמב"ם אויסרעכענען די פערדע סארט מקום פון די ארבע רשויות לשבת.

**איזהו מקום פטור?** וועלכע פלאץ ווערט אנגערופן מקום פטור?

זאגט ער, **מקום שיש בו פחות מארבעה על ארבעה**, א פלאץ וואס איז קלענער ווי ארבעה על ארבעה, **וגבוה שלשה עד לרקיע**, און ס'איז העכער דריי, און ווי הויך ס'זאל נישט זיין, סיי ווי הויך קען זיין א מקום פטור.

זאגט דער רמב"ם, ס'מוז זיין העכער ווי דריי, ווייל **כל פחות משלשה כארעץ**, א פלאץ וואס איז פחות משלשה איז כארעץ, וואלט נישט געהאלפן, וואלט עס געווען אזוי ווי די ארעץ ארום, וואלט עס געווען אדער רשות היחיד אדער רשות הרבים.

סאו א כרמלית איז ווייניגער ווי ארבעה על ארבעה. סאו פריער האבן מיר געהאט אז ס'האט יא ארבעה על ארבעה גבוה משלשה. יעצט זאגן מיר, ס'איז נישט גרעסער פון ארבעה על ארבעה, ס'איז נישט גענוג חשוב צו ווערן א רשות פאר זיך, סאו ער איז א כרמלית. א רשות וואס איז נישט גענוג הויך הייסט א כרמלית. אבער אויב ס'איז נישט בכלל גענוג ברייט, ס'איז קוים גארנישט, עניטינג, דעמאלטס איז עס א מקום פטור הייסט עס. יא.

## Speaker 2:

געוואלדיג.

**מקום פטור – קוצים וברקנים**

## Speaker 1:

אפילו? זאגט ער, **אפילו קוצים וברקנים או גללים ברשות הרבים**, דערנער... וואס הייסט ברקנים? אויך סארטן דערנער? קוצים וברקנים, צוויי מיני דערנער? געוויקסן וואס וואקסן נישט גוט. **או גללים או פסולת ברשות הרבים**, אויב ס'איז א פייל וואס איז **גבוה שלשה ואין בו ארבעה על ארבעה**, מענטשן גייען נישט דארטן ווייל ס'איז קוצים וברקנים, און ס'איז העכער, וועסטו נישט גיין, און נישט אריינגיין. **גבוה שלשה ואין בו ארבעה, הרי זה מקום פטור**.

וואס וויל ער ארויסברענגען אונז? ס'איז נישט נאר ווען ס'איז א פלאץ וואס איז געבויט דורך מענטשן, נאר סתם נעטשור האט עס געמאכט, ס'איז א קליינע שטיקל פלאץ פון דזשאנק, א פלאץ וואו מ'גייט נישט, אבער אויב האט עס די שיעור אז ס'איז **גבוה שלשה ואין בו ארבעה על ארבעה**, האט עס אויך א דין מקום פטור.

**וכן חריץ שאין בו ארבעה על ארבעה ועומקו משלשה**, און ווי הויך, ווי נידעריג דארף זיין דריי טפחים אריין פון די קרקע, און ווי טיף אראפ איז שוין **עד התהום**, ס'מאכט שוין נישט אויס.

**דיון: תל וחריץ ביי מקום פטור**

## Speaker 2:

ס'איז אינטערעסאנט, ווייל אלע די דריי רשויות אדער פיר רשויות האבן אנגעהויבן מיט די צוויי זאכן, תל וחריץ. דא האט זיך עס געטוישט אין מקום וחריץ. דארף איך זאגן מקום מיינט תל, רייט? א געבויט הויכע פלאץ. איך ווייס נישט פארוואס ער האט פארגעסן דעם ווארט תל.

## Speaker 1:

נאר עפעס וויל ער עס צולייגן די אפילו קוצים, ווייל תל געוועהנליך מיינט אז א בערגל. דא זאגט ער אז ס'איז לאו דוקא א בערגל, ס'קען זיין וואס א מענטש האט געבויעט, ס'קען זיין וואס איז פונקט גארבידזש אנגעפיילט.

מ'דארף דאך געוואויר ווערן וואס טוט זיך קוצים וברקנים, וואס איז יא ארבעה על ארבעה, וואס ס'ווערט א כרמלית, וואס ס'ווערט גרעסער ווערט עס א רשות היחיד. זעט דא אויס אז דאס איז עפעס א דין מיוחד פאר א מקום פטור. אבער אויב די ווארט איז אלץ וועגן די סייז, האט דאך נישט קיין חילוק אויבן אויף.

## Speaker 2:

אקעי.

**מקום פטור – מקום המוקף**

## Speaker 1:

וכן וועלכע נאך פלאץ איז א מקום פטור? **מקום המוקף**, א פלאץ וואס איז ארומגענומען מיט ווענט, **שאין בו ארבעה על ארבעה**. ס'איז נישט קיין ארבעה על ארבעה. דאס הייסט, אפילו אויב ס'האט א סך שטח, **אפילו ארכו אלף אמות**, ס'איז א שמאלה לאנגע פלאץ, **ורחבו**, אבער אויב די ברייטקייט דערפון איז **ארבעה פחות אשהו**, אביסל ווייניגער ווי ארבעה, **וגובהו משלשה ומעלה**, און די גובה איז אזויווי מ'האט געשמועסט משלשה ומעלה, **הרי זה מקום פטור**.

א יוסף וואס האט נישט קיין ארבעה על ארבעה, אפילו אויב ס'האט אסאך סקוועער פיט ווייל ס'איז זייער לאנג אדער וואס, איז דאס ווערט עס א מקום פטור.

**דיון: פארוואס מוז זיין ארבעה על ארבעה?**

## Speaker 2:

ס'איז אביסל אינטערעסאנט, פארוואס מוז זיין ווייניגער ווי פיר טפחים? פארוואס א שטח מוז זיין באקסי? ס'קומט דאך דא אויס א גרויסע שטח וואס איז מוקף.

## Speaker 1:

יא, אבער ס'איז די פוינט פון א מקום פטור, אז מ'קען כמעט גארנישט טון דערמיט. ס'איז ווייניגער ווי פיר טפחים, יא? ס'מוז זיין זייער קליינטשיג. אפשר איז דא א קליינע סטרוקטור. קיינער מאכט נישט קיין לאנגע סטרוקטור. אויב ס'איז א סטרוקטור, איז עס עפעס פאר א געיט, איך ווייס שוין פאר עפעס פאר א אידן, אבער... ס'איז די ווארט. יא.

**למעלה מעשרה**

## Speaker 1:

וכן, אבער ריש לקיש'ס רבי, אויב ער קען אים לערנען למעלה מעשרה, זיי האבן דאך געשמועסט אז ריש לקיש'ס רבי גייט ביז עשרה, העכער פון דעם איז ער נישט געגאנגען. וואס איז העכער דעם? זאגט ער יעצט,

**כללי סקירה פון די ד' רשויות**

## Speaker 1:

מקום. יא, אבער ס'איז דער פוינט פון א מקום פטור, אז מ'קען כמעט גארנישט טון דערמיט. ס'איז ווייניגער ווי פיר טפחים, יא?

יא, ס'מוז זיין זייער קליינטשיג. עפעס א קליינע סטרוקטור. קיינער מאכט נישט... איך מיין, אויב ס'איז דא אזא סטרוקטור, איז עס עפעס פאר א געיט, איך ווייס שוין וואס, פאר עפעס פאר א יוד, אבער... איז דאס די ווארט. יא. יא.

רבי חיים, **"עבר רשות הרבים, או עבר כרמלית למעלה מעשרה"** — זיי האבן דאך געשמועסט אז רשות הרבים גייט ביז עשרה. העכער פון דעם איז נישט רשות הרבים. די זעלבע זאך כרמלית. זאגט ער יעצט, וואס איז העכער דעם? די זעלבע זאך, **"עבר כרמלית"** — האבן מיר געשמועסט גייט ביז עשרה. וואס איז העכער דעם? אריין אין מקום פטור. אהה. זייער גוט.

און יעצט גייט דער רמב"ם אריינגיין מער... ניין, ער גייט נישט יעצט אריין אין כרמלית און מקום פטור. ער האט געוואלט אריינפארן אין כרמלית, ער גייט זיך צוריקדרייען צו רשות הרבים. און ס'איז דא נאך נישט געלערנט. עד כאן, לאמיר זיך אפשטעלן א ביסל די סעקונדע, איך קען קוקן דא ביי דיר, יא? מיר האבן געלערנט די פיר רשויות.

**נוסח פון אנהייב פרק — "ארבע רשויות" אדער נישט**

און מיר האבן גערעדט פאר די שיעור, איך האב עס נישט אויסגעזאגט, אז דער רמב"ם, אין די געדרוקטע שטייט די ערשטע אנהייב פרק **"ארבע רשויות לשבת"**. און אונזערע גירסא שטייט עס הייבט זיך נאר אן **"רשות הרבים, רשות היחיד"**, און נאכדעם זאגט ער אלע רשויות. פארוואס? ווייל רשות הרבים און רשות היחיד האבן מיר שוין געלערנט וועגן ביז יעצט, און זיי זענען בעצם פשוט. נאר ווען מ'דארף רעדן פון די נעקסטע צוויי, קומט א חידוש אז ס'איז דא פיר בעצם.

אבער איך האב געוואלט געמאכט זאל עס אויך זיין די אנהייב, ס'איז נישט... איך טראכט, איך בין מדייק אז בעצם זענען דא נאר דריי רשויות, ווייל מקום פטור איז נישט פשט אז ס'איז א רשות. די גאנצע פוינט פון אים איז אז ס'איז נישט קיין רשות. דאס וואס מ'רופט עס פיר רשויות, איז אזוי ווי מ'זאגט מ'זאל עס גרינגער צו מאכן צו פארשטיין. יא, אבער מקום פטור איז דאך גארנישט. די גאנצע פוינט פון אים איז אז ס'איז א פלאץ וואס איז א מקום. יא, מקום פטור, ס'איז נישט קיין רשות. ס'הייסט אפילו נישט רשות. רשות הרבים, רשות היחיד, כרמלית וואס איז גוט נישט פאר קיין נישט, און מקום פטור וואס איז אפילו נישט קיין מקום.

#### הקדמה צו די קומענדיגע הלכות

עניוועיס, דאס איז וואס דער רמב"ם וועט טון. ער גייט אונז געבן די ד' רשויות. אז זיי זענען בתוך פתח אין רשות הרבים, ווייל ס'איז נישט שייך אזא זאך, אבער זיי ווערן בטל. דאס הייסט, מיר האבן פריער געלערנט פון צד רשות הרבים, אדער וואס מ'רופט מקום הפטור ברשות הרבים, וואס האט א דין כרמלית, ס'איז יא עקסטער. יעצט גייען מיר לערנען פון פארשידענע אופנים וואס ס'איז דא א מקום, עפעס א חילוק אין רשות הרבים, אבער ס'ווערט נישט אנדערש, ס'איז בטל אין רשות הרבים.

ער גייט זאגן אויף א פלאץ אין רשות הרבים און אין רשות היחיד, וואס א מענטש וואלט געקענט טראכטן אז ס'איז א כרמלית אדער א מקום פטור, ווייל ס'איז דאך נישט געהעריג רשות הרבים אדער רשות היחיד, אבער אויב ס'האט הלכה'דיגע ריזענס, ווערט עס א חלק פון רשות הרבים און רשות היחיד. דעריבער גייט ער צוריק צו מסביר זיין די הלכות פון כרמלית און מקום פטור.

#### הלכה ט: מקום שיש בגובהו תשעה טפחים מצומצמים ברשות הרבים

### Speaker 1:

ער זאגט אזוי: **"מקום שיש בגבהו תשעה טפחים מצומצמים, לא פחות ולא יותר, ברשות הרבים"** — איינער האט אזא שטיקל, אויף די רשות הרבים איז דא א שטיקל בערגל. ער זאגט נישט אז ס'איז שייך דא, אבער אויבן איז דא א שטיקל עפעס, אבער ס'איז הויך ניין טפחים, פונקטליך ניין טפחים, ברשות הרבים, **הרי הוא כרשות הרבים**, ווערט עס א חלק פון די רשות הרבים. דאס הייסט, אויב וואלט עס געווען אביסל העכער, וואלט עס געווען צען, וואלט עס געווען א רשות היחיד, און אויב וואלט עס געווען אביסל קלענער, וואלט עס געווען א חלק פון די רשות הרבים. דאס איז עס, ווייל ס'איז נאר תשעה טפחים מצומצמים, הרי הוא כרשות הרבים.

אבער דער חילוק איז אזוי, **"ואין משגיחין על מדת ארכו ומדת רחבו"** — מ'דארף נישט קוקן, משגיח זיין פונקטליך ווי לאנג אדער ווי ברייט ס'איז, **"בין רחב בין קצר, הרי הוא כרשות הרבים, והרבים מכתפים עליו"**.

#### פירוש: "מכתפים עליו" — באקוועמליכקייט פאר די רבים

אזא סארט פלאץ איז א פלאץ וואס ס'קומט פונקטליך צוניץ, די סייז פון תשעה טפחים מצומצמים איז א פלאץ וואס מענטשן קענען נוצן "לכתף". "לכתף" מיינט "מכתפים עליו", ער מיינט עפעס וואס האט צוטון מיט די כתף, מיט די אקסל. מענטשן וואקן אין רשות הרבים און מ'שלעפט פעקלעך, און מ'קען דארטן זיך אפרוען, זיך אנלאנען, אדער זיך העלפן מיט די פעקלעך, עפעס נוצט מען עס פאר די באקוועמליכקייט. ממילא, איז עס א פלאץ וואס די רבים נוצט עס, קוקט מען עס נישט אן ווי ס'איז אן עקסטערע סטרוקטשער אין רשות הרבים. אבער קוקט עס אן ווי ס'איז א furniture פון די רשות הרבים, ווי ס'איז עפעס אין די רשות הרבים וואס איז צוגעשטעלט פאר די עולם.

#### אויב ס'איז יתר על תשעה או פחות

**"אבל אם היה יתר על תשעה או פחות"**, אלא דאס איז נאר אויב ס'איז אין די גובה איז תשעה טפחים מצומצמים, אבער אויב ס'איז העכער פון דעם אדער נידריגער פון דעם, איז עס שוין זיין אן אנדערע קאטעגאריע. האט ער זיך געוועגדט אזוי, **"אם היה ארבעה על ארבעה או יתר"**, אויב ס'איז ברייט ארבעה על ארבעה איז א רשות היחיד, ווערט עס כרמלית. **במה דברים אמורים? בארבעה על ארבעה.** אויב איז עס א קלענערע זאך וואס האט נישט קיין ארבעה על ארבעה, איז עס א מקום פטור.

פארוואס? פארוואס איז נישט קיין... דעמאלטס איז עס א מקום פטור. דאס איז די מקום פטור איז נאר ווען ס'איז...

#### דיון: פארוואס דוקא תשעה טפחים מצומצמים?

### Speaker 2:

יא, דאס פארשטיי איך, אבער אויב ס'איז יתר על תשעה, מיט אנדערע ווערטער, אויב ס'איז עשר, און איך רעד נישט יתר על תשעה מיינט ער פון ניין ביז צען? פרעג איך, אויב ס'איז צען טפחים און ארבעה על ארבעה, איז עס רשות היחיד, איז עס אפילו א כרמלית. דאס וואס ער זאגט יתר על תשעה או פחות, מיינט ער פחות, אדער יתר אבער ס'האט נישט קיין צען טפחים?

### Speaker 1:

מסכים?

### Speaker 2:

איך בין נישט זיכער.

### Speaker 1:

פארוואס נישט?

### Speaker 2:

איך פארשטיי נישט, ווייל וואס זאל טאקע זיין די חילוק? פארוואס א מענטש קראצט זיין רוקן, טשעקט ער צו ס'איז עקזעקטלי א סארט שטח?

### Speaker 1:

נאכאמאל, ווארט ווארט ווארט, יעצט פרעגסטו א קשיא אויף די הלכה.

### Speaker 2:

ניין, איך פארשטיי נישט, על כל פנים עפעס פעלט אונז נאך די בעל המאור.

### Speaker 1:

איך פארשטיי זייער גוט. די תירוץ איז אז ס'איז דא אזא סארט שטעקן, אזא סארט ציה, אין האנט איז נישטא, אפשר ס'בלייבט נאר די הלכה לענין פארמאל אז דאס איז די שיעור, אבער ס'דארף זיין אזא סארט שטעקן וואס מ'לייגט אריין אין רשות הרבים כדי מ'זאל מכתף זיין דארט. דער וואס בויעט די רשות הרבים, אין זיין ארדער פאר די בויער, שיקט דאס. און דאס איז פונקט אין אזא אופן, אויב ס'איז צו קליין איז עס פאטל, אויב ס'איז צו גרויס איז עס רשות לעצמה, צו הויך, ווייל די עיקר איז די הויכקייט, ווייל מענטשן גייען, דארפן עס פיטן אין די הויכקייט. אויב ס'איז נישט די סארט כלי, גייט מען צוריק צו די נארמאלע הלכה, סך הכל יוצא מן הכלל. די וועג וויאזוי איך האב עס מגדיר געווען די יוצא מן הכלל איז ביי די נוסח פון פונקט ניין טפחים. דו ווילסט קענען זאגן אנדערש, אויב ס'האט א האק, וואס מ'הענגט דארט די ברית קעיס. איך ווייס נישט, אנדערע זאכן, אזוי האבן זיי מגיד געווען די זאך. אבער איך פארשטיי עס. איך וויל נאר וויסן אויב ס'איז מער ווי צען, לכאורה איז עס רשות היחיד, אזוי מיין איך. ס'מוז זיין, זיי האבן זיך נישט געלערנט. בפירוש, ד' על ד', איז רשות היחיד.

### Speaker 2:

אקעי.

#### הלכה ט: גג הסמוך לרשות הרבים בתוך עשרה טפחים

### Speaker 1:

ווייטער זאגט ער אזוי, **גג הסמוך לרשות הרבים בתוך עשרה טפחים**, אין רשות הרבים שטעקט זיך אריין א גג פון א דערנעבנדיגע הויז צו וואס, און בתוך עשרה טפחים, ס'איז עשרה טפחים ווייט פון וואו די רבים דרייען זיך, איז אויך ווערט עס א פלאץ וואו מענטשן קומען מכתף זיין, ווייל אין עשרה טפחים הייסט עס געאייגנט פאר מכתף זיין. **אסור לטלטל לגג**, טאר נישט דער מענטש וואס וואוינט אין דער הויז לעבן דער גג, ער וואלט געטראכט אז

דער גג איז רשות היחיד, אבער אזוי ווי ס'איז אזוי נאנט צו רשות הרבים, און דער עולם ניצט עס לכתף, טאר ער נישט מטלטל זיין דארטן. **אסור לטלטל לגג עד שיעשה לו סולם קבוע לעלות בו.** ער זאל מאכן, אז אויב מאכט ער א סולם קבוע, ער לייגט דארט אראפ א לייטער באופן קבוע, אז דער עולם זאלן זען אז דער פלאץ איז, אפילו אויב זיי ניצן ס'ערשטער, און זיי וועלן ווייטער אפשר אפילו זיי וועלן ווייטער מכתף זיין, אבער זיי וועלן וויסן, דער לייטער וועט זיין א רמז אז איינער ניצט עס, דא איינער איז דאך, איינער גייט ארויף און אראפ, און מיט דעם וועט עס ווערן מותר. טייטש דעמאלטס איז עס גענוג א גילוי דעת אז די מענטשן וואס מכתף זיין וועלן נישט טוישן, ס'וועט נישט אוועקנעמען די קאטעגאריע אז ס'איז ווייטער א רשות היחיד.

**דיון: "אסור" נישט "חייב" — צי ס'איז כרמלית?**

## :Speaker 2

אבער ער זאגט נישט אסור אז ס'ווערט א רשות הרבים, ס'קען זיין אז ס'איז אסור אז ס'איז א חשש רשות הרבים, ער זאגט נישט חייב. לכאורה איז עס מיט די רבי'ן. ער זאגט זייער אזוי? פארוואס העלפט א סולם קבוע?

## :Speaker 1

אקעי, די סולם קבוע וואלט איך געזאגט, דאס מאכט עס פאר רשות היחיד. ס'מאכט נישט ממש, ס'טוישט נישט די רשות, נאר ס'איז א זכר, אז דו זאגסט אז ער האט דעקלערט בעלות דערויף. די שאלה איז וועמענס איז די גאנג? אויב די בני החצר, די מענטשן וואס וואוינען דארט לייגן א סולם, האבן זיי דעקלערט אז ס'איז זייערס. אם לאו, ווערט עס פארט פון רשות הרבים.

## :Speaker 2

ניין, אבער איך זאג פון די עשר, ס'זעט אויס אז ס'איז נישטא קיין דין רשות הרבים. ס'איז אפשר... ווייל איך וויסן, מקום פטור מיינט מקום מותר אדער נאר מקום פטור? ווייל אויב ס'איז פטור... דאס הייסט, מקום מותר מיינט א פלאץ וואו מ'מעג, לאמיר זאגן. ווייל אויב ס'איז נישט קיין רשות הרבים, נאר מ'טאר נאר נישט לכתחילה, עפעס וואס מ'טאר נישט ווערט עס כרמלית אדער... אזוויי כרמלית. ס'איז דאך דא א דין כרמלית. אבער די דין איז ווייל ס'זעט אויס ווי א רשות הרבים. אבער ס'איז אסור, נישט חייב. וואס איז די חילוק?

## :Speaker 1

ענִי רשות הרבים דרבנן קענסטו רופן כרמלית אויב דו ווילסט, אבער דאס איז שוין א קוועסטשען אויף ליינס. ס'איז אנדערש ווי... כרמלית איז א מין שטח לעצמו וואס מ'האט געגעבן א דין אז מ'איז מחמיר ווי א רשות הרבים אין געוויסע זאכן. אבער דא זאגט מען אז ס'איז א מין רשות הרבים, ס'איז נאר נישט קיין דאורייתא'דיגע רשות הרבים.

## :Speaker 2

טרו, אבער דאס האבן מיר שוין געלערנט, אז ווען מ'זאגט די ווארט כרמלית, האט עס אזוויי אן אריגינעלע מינינג, וואטעווער א כרמלית איז, אדער אזוויי דו זאגסט אז ס'איז אן עכטע כרמלית. אבער למעשה, ענִי רשות הרבים דרבנן רופן אונז כרמלית אין די ענד, אזוויי די גמרא זאגט אויף פחות מי'.

**הלכה י: עמוד ברשות הרבים גבוה עשרה ורחב ארבעה**

## :Speaker 1

זאגט די רמב"ם ווייטער, **"עמוד ברשות הרבים"**... אה, ער זאגט די פירוש. א פאול, יא, ער גייט שוין זאגן. א פאול אין רשות הרבים, אבער ס'איז יא גבוה עשרה. ס'איז נישט אונטער די עשרה וואס מענטשן וואלטן נאך אויף דעם געקראצט זייער רוקן. ס'איז העכער עשרה ורחב ארבעה, **הרי זה רשות היחיד.** אזוויי יעדע זאך וואס איז גבוה עשרה ורחב ארבעה, איז א רשות לעצמו.

**יתד כל שהוא אין עמוד**

איז אזוי, אבער וויאזוי קען מען אפהרג'ענען אזא זאך? א מענטש מיינט ער האט געכאפט א שטיקל רשות היחיד. אבער אויב ער לייגט אריין א יתד כל שהוא, אויבן פון די עמוד שטעלט ער אריין א נאגל'ך, **אפילו אינו גבוה שלשה**, אפילו די נאגל'ך זענען נישט גבוה שלשה... ער מיינט צו זאגן, די נאגל איז הויך, איז סמוך לג' מעורב. לכאורה די נאגל ווערט אזוי בטל צו די קרקע וואס אין עמוד. אה, ס'איז בגובהו מיינט נישט אויבן פון די עמוד, בגובהו מיינט לפיכך אויבן. בגביו מיינט ביי די זייט, דארטן ווי די גובה גייט ארויף, דאס מיינט ער זאגן, נישט ווערסעס אויף די ברייט פון אויבן פון דער עמוד.

אפילו אויב ס'איז אונטער די שלושה, אבער **הואיל וראוי ליתלות בו יתדות להשתמש בו**, מענטשן גייען זיך נוצן די יתדות, איינמאל ס'איז דא אזא יתד גייען מענטשן זיך מאכן באקוועם און אויפהענגען אויף דעם זייערע פעקלעך אדער וואס.

**הלכה י (המשך): יתדות בעמוד ברשות הרבים**

## :Speaker 1

הרי זה ממעטו. איז די יסוד איז אזוי ווי מ'מעט פון די שטח, **ונעשה כרמלית. ואין מודדין אלא מן היסוד ולמעלה.**

טייטש, אונז קוקן אן די יסוד ווי דאס איז א סימן פאר די בני רשות הרבים אז דאס איז עפעס וואס מ'קען נוצן, ווייל ס'קומט פראקטיש צוניץ, מ'זאל קענען מקצר זיין. ממילא, ס'איז נישט מבטל, ס'מאכט עס נישט פאר רשות הרבים, אבער ס'מאכט אז ביז וואו די יתד איז קוקן יא מענטשן אן ווי רשות הרבים, ווי א רשות הרבים. ממילא בלייבסטו נאר מיט די שטח פון די נאגל און ווייטער. ממילא, ס'פעלט פון די שטח און ווערט עס א כרמלית, ווייל יעצט ווערט עס אן עמוד וואס איז נישט גבוה עשרה ורחב ארבעה, נאר גבוה וויניגער ווי עשרה.

**ואין מודדין אלא מן היסוד ולמעלה.** זאגט ער, **אפילו מילא כולו יתדות,** וואס דאס הייסט אז ער האט געלייגט איבעראל, ער האט געלייגט אויף די גאנצע עמוד נעגלעך, הוקס, **הרי זה נתמעט גובהו**, איז וואו דו לייגסט א נאגל, ביז וואו די נאגל איז רעכנט מען נישט ווי אן עקסטערע רשות, מ'רעכנט עס ווי רשות הרבים.

סאו ממילא אויב האסטו געלייגט איבעראל יתדות, וועט די גאנצע שטח זיין, וועט נישט הייסן א רשות היחיד. ער זאגט נישט אז ס'ווערט ממש רשות הרבים, אפשר ווערט די גאנצע זאך א כרמלית, ס'שטייט "נעשה כרמלית" בפירוש.

**דיסקוסיע: פארוואס כרמלית און נישט רשות הרבים?**

## :Speaker 2

אבער דא איז אביסל אינטערעסאנט, ניין, ווייל דארטן די ווארט כרמלית איז ווייל מ'מעט עס. אויב מילא בלייבסטו נאר מיט די שטח וואס איז פון די נאגל און העכער. אבער אויב מילא כולו יסודות, האב איך אפשר געטראכט צו מאכן די גאנצע זאך פאר א תשמיש פאר רשות הרבים, ווערט עס אזוויי די עמודים וואו מ'זיצט אויף די רשות הרבים. קען זיין אז ס'איז די זעלבע זאך?

## :Speaker 1

ניין?

## :Speaker 2

וואס איז די דין? ס'ווערט א כרמלית, און וואס איז די דין?

## :Speaker 1

מדרבנן האט מען נישט געטארט טראגן פון די רשות הרבים אהין, און פון אהין צו די רשות הרבים.

## :Speaker 2

ניין. וואס איז די דין פון א כרמלית? פון די רשות הרבים?

## :Speaker 1

נעמט מען נישט מדרבנן. ס'הייסט נישט קיין רשות הרבים.

### Speaker 2:

יא, אבער ס'איז דאך אן איסור מדרבנן צו טראגן פון פחות מד' אמות פון א רשות הרבים צו א כרמלית, אויב איך געדענק. סאו ס'מאכט א דיפערענץ. איז דאס נישט אזוי? א כרמלית וואס איז סמוך לרשות הרבים, וואס איז די דין?

### Speaker 1:

נישט קלאר. דער רמב"ם זאגט יא, ס'איז דא א... מ'טאר נישט לייגן פון א כרמלית צו רשות הרבים.

### Speaker 2:

אקעי, וועלן מיר שוין זען. ס'איז אפשר נישט. וואס איך וויל וויסן, דער נסמך גבוי, איז דער פלאץ הייסט...

### Speaker 1:

אקעי, אונז וויסן נישט וואס דער פלאץ הייסט. וואס עס שטייט דא איז אז ס'איז בפירוש אז ס'ווערט א כרמלית?

### Speaker 2:

ניין, ס'איז נישט ממש בפירוש. ס'איז אזוי, דער שואל פרעגט אויב ס'איז נתכרמל, אבער ער האט געזאגט... ס'איז אן עצה ממה נפשך אויב ס'איז נתכרמל.

### Speaker 1:

זייער גוט. ס'ווערט ווייניגער, ס'ווערט זייער קליין. ס'רעכנט, אויב ס'איז גארנישט, אפשר בלייבט גארנישט.

### Speaker 2:

אפשר בלייבט גארנישט, אפשר איז עס נישט גענוג. אפשר בלייבט זערא. ער זאגט נישט ממש...

### Speaker 1:

יא, אבער כולו... ער מיינט יעדע אינטש, אבער אפשר בלייבט שוין נישט גענוג א שטח פאר זיך. וואטעווער ס'איז דא, וואס איז די דין פון יענע שטח? ס'קען זיין, ער ברענגט אז די נסמך... סארי, מלא כולו איז בעצם א חידוש, ווייל געווענליך מלא כולו זאגט מען אז מ'קען עס נישט ניצן. ווייל ווען ס'איז דא איין האק, קען מען עס ניצן. א גאנצע זאך מיט האקס, קענסטו נישט גארנישט אנהענגען.

### Speaker 2:

ניין, ער מיינט נישט... ס'איז פארקערט. ער זאגט די הייליגע... ניין, ער מיינט נישט כולו יסודות, ער מיינט אז ער האט געלייגט וויפיל יסודות מ'דארף, אבער יעדע פאר אינטשעס איז דא א האק.

### Speaker 1:

ניין, גוט. אבער פאר סאם ריזען, מענטשן רופן עס. די אלע אידן וואס האבן געלערנט גמרא, וואס זיי וויסן פון וואו דער רמב"ם קומט, זיי זאגן אזוי טייטש. סאו... וואס איז א פשט?

### Speaker 2:

אקעי. דו זאגסט אז ס'איז גארנישט אנדערש?

### Speaker 1:

איך ווייס נישט. דער רמב"ם זאגט דאך זייער קלאר, ער שרייבט **"תולים בו את היסודות ומשתמשים בהם"**. אבער נוצט עס יא.

### Speaker 2:

זייער גוט. ער שרייבט אז מען קען, יא, נאך אלץ אביסל נוצן. ער שרייבט דאס וואס ער רוקט עס. ס'קען נאך אלץ. אזוי איז ער מסביר די...

### Speaker 1:

אזוי איז ער מסביר. דער גאנצער טור בכלל, וואס לערנט בכלל די גאנצע גמרא אנדערש. ס'איז נישט די פראבלעם. אבער דאס הייסט, די גאנצע הלכה איז מאדנע. לאמיר זיין קלאר. די גאנצע הלכה איז עפעס פאני. א יסוד, אזוויי מאיר וואס איז די טייטש אין די גמרא, רש"י, די ראב"ד, די אלע לערנען בכלל אנדערש פון די רמב"ם אין די גמרא. ס'איז בכלל נישט די חידוש וואס דער רמב"ם האט געהאט.

אבער לויט דער רמב"ם'ס טייטש לערנען די... סאו אויב האט ער אריינגעלייגט אזא יסוד, איז יענע פלאץ וואס האט דאס געמאכט אויס רשות היחיד, ווערט עס א כרמלית. דער רמב"ם זעלבסט וואלט געמאכט סענס אויב דו זאגסט אז א יסוד מאכט די גאנצע זאך אזוויי דו זאגסט, אז ס'מאכט עס פאר א רשות הרבים, ווייל דער רמב"ם זאגט נישט דאס. ער זאגט ס'ווערט א כרמלית.

### Speaker 2:

זייער גוט. דאס הייסט, אנדערע ווערטער, און ער זאגט נישט נאר ער זאגט נישט דאס, ער זאגט אויך נישט אז די יסוד מאכט די גאנצע זאך אונטער אזוויי די אמה שמקפת הכל. דאס וואלט געמאכט זייער אסאך סענס. מיר האבן געלערנט אז ס'איז דא אזא זאך ווי אן אמה, און דאס איז די אמה וואס באלאנגט פאר די רשות הרבים. אבער דער רמב"ם זאגט נישט דאס. ער זאגט נאר, מ'הייבט אן צו רעכענען אנדערש די נאמבערס. ס'איז זייער פאני. פארוואס? פארוואס זאל מען נישט זאגן אז ס'ווערט א... א... אזוויי א שימוש רשות הרבים?

### Speaker 1:

יא. אבער דו ווילסט לערנען ביי די כלאי, אבער וואס קומט אריין כלאי? ס'איז נישט קלאר.

### Speaker 2:

אקעי. בקיצור, ס'איז אלעס ווייל דער רמב"ם האט לכתחילה געלערנט די גמרא אנדערש ווי רוב אנדערע ראשונים, און מ'פארשטייט נישט אפילו וואס דער רמב"ם האט געמיינט. איך ווייס נישט. ס'איז נישט נוגע די הלכות עניוועיס, רייט? מ'דארף טשעקן. פארוואס מיר זוכן די רשות הרבים'ס. שוין. ס'איז נישט מקדש רשות הרבים'ס עניוועיס היינטיגע צייטן, לויט די מפורשים.

---

**הלכה יד: חור רשות היחיד וחור רשות הרבים**

### Speaker 1:

אקעי, ווייטער. **חור רשות היחיד**, יעצט גייט ער אונז זאגן וואס טוט זיך מיט... ס'מאכט זיך א לאך אין די... אין א וואנט אדער וואס. איז **חור רשות היחיד, א לאך אין די רשות היחיד, הרי הוא כרשות היחיד.**

אבער ס'איז נישט אזוי אז איבעראל וואו ס'איז דא א לאך רעכנט מען ווי די פלאץ ארום די לאך, ווייל **חור רשות הרבים אינו כרשות הרבים, אלא אם כן יש בו ארבעה על ארבעה**, ס'ווענדט זיך ווי גרויס די לאך, **כיצד.**

סאו לכאורה, לאמיך נאר טרייען צו טראכטן, וואס איז די חילוק? די חילוק איז לכאורה פשוט. א רשות היחיד באלאנגט פאר איין מענטש, איין מענטש איז די חור באלאנגט אויך פאר אים, ס'איז פארט פון זיין רשות. אבער די רשות הרבים זעען מיר דא אין די אלע הלכות, ס'איז דא א תנאי אז רשות הרבים הייסט נאר די פארט וואס די רשות הרבים נוצט.

ס'צייגט דיר אז ווי א... וויאזוי זאל איך זאגן, רשות היחיד האט נישט קיין... מיר גייען לערנען מדרבנן מצוות עירוב, אבער רשות היחיד האט נישט קיין גדר אז די יחיד דארף עס קענען נוצן. די גאנצע רשות היחיד איז פארט פון רשות היחיד ביז די רקיע, יא? משא"כ רשות הרבים, למשל רשות הרבים איז נאר ביז צען טפחים, ווייל רשות הרבים דארף ממש... ס'דארף זיין נישט מוקף מחיצות, אבער אויך דארף עס זיין א פלאץ וואס האט אזא צורה וואס די רבים קענען נוצן. טאמער נישט, הייסט עס אויס רשות הרבים. דו ביסט מסכים?

### Speaker 2:

בערך. אבער איך ווייס נישט וואס איז די חידוש פון חור, ווייל חור ווערט אזא מין בור. ס'איז דא א בור וואס ווערט גערופן א בור, און ס'איז דא א בור וואס ווערט גערופן א חור. וואס רעדט מען דא פון, רייט?

### Speaker 1:

זיי זאגן דאך, נישט א חור, א חור מיינט אזויווי די... די וואנט, לאמיר זאגן. איך מיין ווען חור מיינט אין א וואנט.

### Speaker 2:

אין די וואנט פון וואס? וואס איז לעבן די רשות הרבים?

### Speaker 1:

יא.

### Speaker 2:

אדער אין רשות היחיד?

### Speaker 1:

יא. א לאך אין א וואנט, נישט א לאך אין די פלאר. סאו א חור און א בור איז די זעלבע זאך. ער זאגט אז פונקט ווי ס'איז דא א שטח אין די רשות הרבים ווערט א רשות היחיד, אדער אין א כרמלית, איז די זעלבע זאך, ס'איז נישט קיין חילוק צו די חור איז אראפ אדער ס'איז אין די זייט אין א וואנט.

### Speaker 2:

יא יא, דו ביסט גערעכט לכאורה אז א רשות היחיד... אז א בור אין רשות היחיד איז אויך א בור. דו ביסט ��ערעכט לכאורה אז אין רשות היחיד ווערט עס נישט קיין עקסטרע רשות אויב ס'איז דא א לאך אדער א בערגל. אמת. אבער דא שטייט קלאר די חילוק פון רשות הרבים און רשות היחיד. דארט שטייט עס נישט קלאר. זעסט אז רשות הרבים... ווייל דו קענסט זאגן, אזוי ווי דער חור איז משמש רשות הרבים, איז ער רשות הרבים. דא האבן מיר אמוראים וואס האבן אזוי געהאלטן, זיי זענען נישט אפגעפרעגט, אזוי ווי אונז לערנען. ס'איז דא זאכן וואס זענען בטל, אבער מ'קען עס נוצן. איך ווייס נישט. דא שטייט אז ניין. און ענליכע נאמען, די דינים זענען נישט די זעלבע דינים פון יעדער... רייט. אבער חור ברשות הרבים איז נישט אויטאמאטיש רשות הרבים. ס'וועגדט זיך אין די סייז.

### Speaker 1:

**כיצד?** ער איז קיינמאל נישט קיין רשות הרבים.

### Speaker 2:

קיינמאל נישט. רייט. אדער איז ער א... ס'וועגדט זיך אין זיין סייז.

### Speaker 1:

יא. ניין, אויב איז עס גאר קליין, איז עס א... איז עס בטל, איז עס נישט קיין חור, איז עס א חלק פון רשות הרבים. מיר רעדן פון א חור.

### Speaker 2:

דו וועסט זען, אקעי. אט ליעסט עפעס.

#### די דריי שיעורים פון א חור ברשות הרבים

### Speaker 1:

**אם יש בו ארבע על ארבע וגבוה עשרה**, האבן מיר שוין גערעדט לגבי בור און תל, זאל זיין די זעלבע זאך לגבי א חור, אז א מקום וואס איז ארבע על ארבע וגבוה עשרה, ווערט ער רשות היחיד.

**ואם אין גבוה עשרה, הרי זה כרמלית**, אזוי ווי מיר האבן געשמועסט.

**ואם אין בו ארבע על ארבע**, אויב ס'האט נישט קיין ארבע על ארבע, **הרי זה מקום פטור, והוא שגבוה שלשה, שכל פחות משלשה הרי הוא כארץ.** אויב איז עס גבוה פון שלשה און ס'האט נישט קיין ארבע על ארבע, דעמאלטס איז עס א מקום פטור.

#### דיסקוסיע: ווי קליין קען א חור זיין און נאך רעכענען ווי מקום פטור?

### Speaker 2:

עד כאן ווייסן מיר וועגן זאכן וואס זענען בעיסיקלי זאכן אין רשות הרבים, וואס זענען יא אדער נישט... ער זאגט מיר שוין, אם אין בו מקום ארבע על ארבע, ביז וויפיל? דאס הייסט, יעדע חור האט אויטאמאטיש זיין מקום פטור? אויב ס'איז דא א קליינע לאך אין ענע וואנט אין ענע רשות הרבים, איז עס נישט קיין רשות הרבים? אינטערעסאנט.

### Speaker 1:

יא, ס'איז אינטערעסאנט. ביי א בור האט מען נישט געזאגט אזא זאך. א פיצי בור ווערט נישט יעצט קיין בור. דאס הייסט, אויב ס'איז דא א קליינע... ערגעץ וואו אין רשות הרבים איז דא א פלאץ וואס ס'ווערט א טראפעלע טיפער אריין, ווערט עס אויס רשות הרבים, ווייל מ'דארף וואקן אביסל שיף? א רשות הרבים וואס גייט בארגיג, גייט מען זאגן אז ס'ענדיגט זיך די רשות הרבים ווען מ'דארף רעכענען לויט די...

### Speaker 2:

ניין, ווייל דו ביסט דער וואס איז אנגעקומען מיט די איידיע אז א חור און א בור זענען ענליך. זיי זענען עכט אין גאנצן אנדערע זאכן. די איינציגסטע ענליכקייט איז אז... די איינציגסטע ענליכקייט איז אז דא זאגט מען אז א חור האט אויך... די זעלבע דריי שיעורים וואס מאכט די דריי אנדערע שיעורים, אבער בעצם א חור איז א גאנצע אנדערע זאך. א בור איז נאר אויב ס'איז א בור.

### Speaker 1:

ווי קליין? איך ווייס נישט ווי קליין. ווען איז עס אויס בור? איז עס טאקע נישט א גרודא רשות הרבים. ווי קליין? איך ווייס נישט. נישט קלאר. ווען איז עס טאקע א דריי טפחים?

### Speaker 2:

ניין, אונז ווייסן אז ס'איז כרמלית. אויב ס'איז דא א לאך, איז עס יא.

#### הלכה י"א — שיעורי חור והרשויות השונות

### Speaker 1:

יא, די איינציגסטע ענליכקייט איז אז דא זאגט מען אז א חור האט אויך די זעלבע דריי שיעורים וואס מאכט די דריי אנדערע רשויות. אבער בעצם א חור איז א גאנץ אנדערע זאך. א בור איז נאר אויב ס'איז א בור. ווי קליין? איך ווייס נישט. איך ווייס נישט, נישט קלאר. ווען איז עס א בור? ווען ס'איז דריי טפחים. מיין איך, אין באדעם, מיין איך אז ס'איז קרום. אויב ס'איז דא א לאך, איז עס יא א חילוק. פארשטייסט?

וואס האבן מיר געלערנט? בור דארף זיין, ווי גרויס דארף זיין דער בור? וואס הייסט? עניטינג, איזהו כרמלית, יא, אין רשות הרבים איז דאס? יא. א חריץ הייסט עס אויף אין די רמב"ם'ס שפראך, רייט? **ארבעה על ארבעה ועמוק משלושה.** אויב ס'איז וויניגער ווי ארבעה על ארבעה, איז עס א מקום פטור. און מי שלשה, וויניגער ווי שלשה. דאס איז דער שיעור. וויניגער ווי שלשה איז עס לבוד. אזוי ווי ס'גייט... נאר לבוד איז דיווארט, און נישט די ווארט אז ס'איז בכלל נישט עקסטער. ס'איז געטייטשט לבוד.

### Speaker 2:

ניין, לבוד מיינט אפילו ווען ס'איז יא דא א קלארע בערגל.

### Speaker 1:

אקעי, יא, גוט. ס'מיינט לבוד, אז מ'באמערקט עס נישט אזוי שטארק, יא. ר' יוסף, אז ס'איז גענוג נאנט, ממילא איז עס נישט קיין זאך פאר זיך. אבער ווען ס'איז זייער גוט, אז דער שיעור איז דריי טפחים. העכער, א בערגל וואס איז וויניגער ווי דריי טפחים איז עס טאקע בטל, אדער א לאך וואס איז וויניגער ווי דריי טפחים איז עס טאקע בטל. אבער אויב ס'איז מער ווי דריי טפחים, דעמאלטס וועגדט זיך, אויב ס'איז פיר טפחים ברייט, דעמאלטס איז עס א כרמלית. אויב ס'איז וויניגער איז עס א מקום פטור. דאס איז פסיעה. אויב ס'איז אויך צען טפחים טיף, דעמאלטס איז עס רשות היחיד. פארשטומט?

**הלכה י"ב – דיני טלטול ברשויות אלו**

## Speaker 1:

יעצט גייט אונז דער רמב"ם זאגן וואס טוט זיך מיט די כרמלית און מקום פטור, וואס איז זייער גדר אין הלכה? וואס מעג מען יא און נישט טון? זאגט ער אזוי, אין אנדערע ווערטער, פון רשות היחיד צו רשות הרבים ווייסן מיר שוין בעיסיקלי אז מ'מעג נישט טראגן, ס'איז געשטאנען פריער אין פרק, אין די ערשטע פרק שטייט, רייט? י"ב, ס'איז דאך א מקום צו לערנען. וואס געשעט מיט די אנדערע רשויות בעצם?

זאגט ער, איז אזוי, **רשות היחיד ומקום פטור** זענען צוויי פלעצער וואו מען מעג **מטלטל זיין בכולן, אפילו היה אורך כל אחת מהן כמה מילין**, נישט קיין חילוק ווי גרויס ס'איז. אויב איז די רשות היחיד, א רשות היחיד קען זיין גרויס כמה מילין, מטלטלין בכולן. די זעלבע זאך מקום פטור. א מקום פטור קען נישט זיין כמה מילין, באט יא, איי מין, יא, חוץ יענע פאני לאנגע, לאנגע שמאלע זאך. זיי האבן געלערנט.

**מקום המוקף שאין בו ארבע על ארבע**

## Speaker 1:

זיי האבן געלערנט אויך וועגן א **אפילו ארוכה כמה מילין**, יא, **מקום המוקף שאין בו ארבע על ארבע**. וויל געוויינליך די מקום פטור מוז זיין ווייניגער ווי ד' על ד', קען נאר זיין אויב ס'איז א מקום פון מחיצות, ס'איז זייער שמאל און לאנג, קען מען מטלטל זיין די גאנצע. יא.

**דיני טלטול ברשות הרבים וכרמלית**

## Speaker 1:

**אבל רשות הרבים והכרמלית, אין מטלטלין בהן אלא בתוך ארבע אמות. ואם העביר או הושיט או זרק**, געטראגן אדער איבערגעגעבן צו א צווייטן, אדער געווארפן **חוץ לארבע אמות**, דא איז די חילוק, **ברשות הרבים חייב, ובכרמלית פטור, לפי שאיסור הכרמלית מדבריהם.** דאס וואס מ'האט געזאגט אז מ'מעג מטלטל זיין אין איר בתוך ארבע אמות איז מדבריהם, מדברי חכמים. און די סיבה איז **מפני שהיא דומה לרשות הרבים**, כרמלית האט ענליכקייטן צו רשות הרבים, ממילא איז דא א חשש **שמא תתחלף ברשות הרבים**, אויב א מענטש וועט מיינען אז מ'מעג טראגן דארטן, וועט מען צוקומען אויך צו טראגן אין רשות הרבים.

**מלאכה שאינה צריכה לגופה בכרמלית**

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם, **לפיכך**, איינמאל דו פארשטייסט מיט דעם, אז כרמלית איז נאר א דרבנן, די איסור צו טראגן אין כרמלית איז ווייל ס'איז דומה צו רשות הרבים, איז אזוי, **אם לא היה צריך לגוף הוצאה**, אויב דארף ער נישט די גוף הוצאה, ס'טייטש ער דארף נישט די מלאכה פון טראגן, ס'טייטש געוועגליך טראגן איז ער וויל א פלאץ זאל אנקומען פון איין פלאץ צו די נעקסטע פלאץ, דאס איז נישט נאך אן אנדערע וועג וויאזוי מ'טראגט, נאר דאס טראגן איז די מלאכה שאינה צריכה לגופה. אבער ווען מ'וויל נאר אז די זאך זאל נישט ליגן דא ווייל ס'שטערט, **כגון שהעביר קוץ בכרמלית כדי שלא יזוקו בו רבים**, ס'איז דא א דארן, יעצט האט ער אריינגעטראגן אין די כרמלית, ער האט עס געטראגן אין די כרמלית, לאמיר זאגן, צו די ווינקל פון די כרמלית, מ'זאל נישט ניזוק ווערן. א רשות הרבים מעג מען עס טון אפילו העברה ד' אמות, ווייל אגב מלאכה שאינה צריכה לגופה בדרך כלל איז חייב, אבער ווען ס'איז א דרבנן און מ'איז מיקל ביי... ווען ס'איז א דרבנן און ס'איז לצורך, לצורך שלא יזוקו בו רבים.

**דיון: פארוואס איז דא א היתר?**

## Speaker 2:

סאו ס'איז זייער פאני, אזוי דארף מען נישט צוקומען צו די גופו הוצאה. רייט. דו דארפסט צוקומען צו די היתר פון מלאכה שאינה צריכה לגופה, נישט אז מ'דארף צוקומען, ס'טוט נישט גארנישט אויף, ווייל דער רמב"ם האלט דאך מלאכה שאינה צריכה לגופה חייב. ער מאכט נישט אויס. אפשר ביי דרבנן איז דא אמאל א פטור, אפשר אזוי. אבער ס'איז זיכער אז אזוי ליגט מען נישט נאר עפעס לצורך, שלא יזוקו בו. אזוי ווי אונז לערנען אלעמאל דרבנן לאזן זאכן פאר א צורך שלא יזוקו בו וכדומה.

## Speaker 1:

אפשר די ווארט איז, די לא צורך לגופו הוצאה, וועלן זיי יא גיין צורך לגופו הוצאה, ווייל זיי וועלן מורא האבן אז ס'איז דומה לרשות הרבים. וואס רעכנסטו אזוי, וואס איז אזא צורך אדער שלא היזק וואס איז יא וועגן די גופו הוצאה? למשל, ער וויל טראגן אין א כרמלית א זאך וואס איז וויכטיג, ער וויל טראגן א מעדיצין, נישט פאר א סכנה, ער וויל טראגן א מעדיצין וואס איז אין א כרמלית. ס'איז דאך א צורך, ס'איז א צורך הרבים, ער וויל טראגן א סידור פאר הרבים אין די כרמלית.

## Speaker 2:

סאו דארף מען וויסן פאר וואס. אויב זאגסטו אז מלאכה שאינה צריכה לגופה מאכט נישט אויס לויט'ן רמב"ם, ס'קען האבן צו טון מיט די שבות דשבות. רייט. אז ווען ס'זעט אויס ווי הוצאה, מ'זעט א מענטש טראגן, מ'זעט א מענטש טון הוצאה, וועט מען טון הוצאה ברשות הרבים. אבער ווען ס'זעט נישט אויס ווי הוצאה, ווייל מ'זעט אים ער איז פשוט א קוץ, רייט. אזוי מאכט סענס. **וחיים וכל כיוצא בזה.** דאס הייסט אנדערע סארט היזק, אבער דער רמב"ם זאגט "כיוצא בזה" מיינט ווען איינער איז צורך לגופו או למקומו. אויב איז צורך לגופו, לכאורה איז נישט דא קיין היתר, אפילו דו האסט דא א צורך לכאורה. ווייל דעמאלטס איז עס נישט געווג אנדערש, דעמאלטס איז עס ווייטער מתעסק. וויאזוי זאגסטו די פשט?

## Speaker 1:

אקעי. איז וואס ווייסט מען? אה, און שפעטער גייט דער רמב"ם זאגן אז אויב איז דא א קוץ ברשות הרבים, טאר מען עס נישט מוציא זיין נאר פחות פחות מד' אמות. און אין כרמלית מעג מען געהעריג. אקעי. וואס איז די פראבלעם? איך האב א פראבלעם? ניין, די יעצט איינער וואס איז צורך לגופו בלייבט מיר אביסל אפן וואס מ'דארף בעסער פארשטיין.

**דיני מקום פטור – אריין און ארויסטראגן**

## Speaker 1:

אה, ווייטער זאגט ער, **כשם שמותר לטלטל בכל מקום פטור**, איז ביז יעצט האבן מיר געלערנט אז אינעווייניג אין א מקום פטור, אזוי ווי אין א רשות היחיד. זאגט ער, מקום פטור איז עפעס וואס איז נאך גרינגער, ווייל **כשם שמותר לטלטל במקום פטור, כך מותר להכניס מן רשות היחיד או מן רשות הרבים או מן הכרמלית.** פון א רשות היחיד טאר מען נישט טראגן צו א רשות הרבים אדער צו א כרמלית. אבער מקום פטור, וואס אינעווייניג מעג מען טראגן אזוי ווי אין א רשות היחיד, איז אבער גרינגער ווי א רשות היחיד, ווייל מ'מעג אויך טראגן פון רשות היחיד אדער פון רשות הרבים אדער פון כרמלית אהין.

**דיון: וואס איז דער גדר פון מקום פטור?**

## Speaker 2:

וואס הייסט א מקום פטור איז בכלל נישט קיין עקסטערע מקום? מקום פטור איז עפעס א מקום וואס איז בטל צום פלאץ לעבן דעם, עפעס אזוי, יא? קען זיין, ווייל א מקום פטור איז געוועגליך אזא מין פלעצל. איך ווייס נישט אויב ס'איז בטל. איך ווייס נישט אויב ס'איז בטל. אויב ס'איז ממש בטל, וואלט עס געווארן רשות הרבים. אבער ס'בלייבט א מקום פטור, נאר ס'באקומט די דין פון די פלאץ לעבן וואו ס'איז, אדער וואס? אקעי, לאמיר זען. לאמיר זען.

## Speaker 1:

ניין, ניין, ס'באקומט נישט די דין פון די פלאץ וואו ס'איז. לאמיר עס רופן אן עקסטערע רשות, נאר דאס איז מקום פטור, אז מ'מעג טראגן סיי אינעווייניג, און סיי מ'מעג טראגן פון די נעקסטע פלאץ אהין. און כרמלית איז פונקט פארקערט, טאר מען נישט ארויסטראגן ד' אמות אינעווייניג אין די כרמלית.

דאס איז די חומרא וואס די חכמים האבן געזאגט אז מ'זאל נישט טראגן מער ווי ד' אמות, וואס די רמב"ם טאר מען נישט טראגן מער ווי ד' אמות אין די כרמלית. און אויך טאר מען נישט טראגן פון די רשות היחיד אדער פון די רשות הרבים צו די כרמלית, אדער פארקערט, ארויסטראגן פון די כרמלית צו די רשות היחיד, אדער אריינברענגען צו די כרמלית פון די רשות היחיד אדער רשות הרבים. און די מוציא והכניס איז פטור, ווייל עס איז א איסור דרבנן, עס איז אסור אבער ס'איז פטור מדאורייתא.

**דיון: קשיא פון פרי חדש — פארוואס טאר מען נישט טראגן פון רשות הרבים צו כרמלית?**

### Speaker 2:

אהה. שוין. איך פארשטיי נישט אבער עפעס וואס מ'האט געזאגט אז די כרמלית האבן די חכמים גע'אסר'ט ווייל ס'איז דומה צו רשות הרבים, אמת?

### Speaker 1:

יא.

### Speaker 2:

סאו פון רשות הרבים צו רשות הרבים טאר מען טראגן, אמת?

### Speaker 1:

מ'מיינט מ'טאר נישט פחות מד' אמות. ריכטיג.

### Speaker 2:

ס'איז נאר אביסל דומה, ס'איז נישט גענוג דומה. ס'זעט אויס ווי מ'טראגט. ס'איז ערגער ווי רשות הרבים, ווייל די רמב"ם זאגט מ'טאר נישט טראגן פון רשות הרבים צו א כרמלית.

### Speaker 1:

ריכטיג. אפילו בפחות פחות, ער רעדט נישט דא אליך די ד' אמות, יא. ריכטיג. סאו ס'איז גענוג כאילו ס'איז רשות היחיד דעמאלטס, פארשטייסט?

### Speaker 2:

יא, ווייל די חכמים גייען דאך נישט מקיל זיין מער ווי... די חכמים האבן דאך מחמיר געווען אין כרמלית, זיי האבן עס געמאכט ווי א רשות הרבים אז מ'טאר נישט טראגן. אבער אויב וועלן זיי זאגן אז מ'מעג טראגן פון רשות הרבים אהין, וואלטן זיי האבן געמאכט א קולא, יא? ווייל מ'זעט אז ס'איז נישט קיין רשות היחיד, נאר ס'איז א כרמלית. זיי האבן עס נישט געזאגט לקולא. ריכטיג.

### Speaker 1:

ניין, ס'וואלט נישט געווען רשות היחיד, ס'וואלט געווען א מקום פטור.

### Speaker 2:

אהא. ער ברענגט אז דער פרי חדש האט געפרעגט די קשיא, און ער זאגט אזוי, פארקערט, דעמאלטס זאגט מען אפשר איז עס צו דומה צו רשות היחיד. איך הער. איך ווייס נישט. אממ... די מייסטע זאגן אפשר אז ס'איז אזוי ווי... מ'קען נישט מאכן גרינגער ווי אנדערע רשויות, עפעס אזוי. איך בין נישט זיכער. ווייל ס'איז דא פעלער ווי כרמלית ווען נישט אז ס'איז א גדר לעצמו וואלט עס נישט געווען א מקום פטור, נאר א רשות היחיד. מיר דארפן וויסן וועלכע כרמלית.

### Speaker 1:

ניין, ס'קען נישט זיין. אה... לאמיר גיין, א כרמלית וואס... ס'קען נישט זיין, ווייל דעמאלטס זאלן זיי דאך האבן געמאכט א קהילה. זיי האבן נישט געמאכט קיין קהילה, ווייל זיי האבן זיך געזאגט אז מ'טאר נישט ארומגיין אין קדושת רה"ר אהין.

### Speaker 2:

יא, אבער דו דארפסט האבן איין כרמלית וואס... מיט זיין פאטער. איי.

### Speaker 1:

איך מיין, ס'שטייט דאך אין מגן אברהם, ס'שטייט אין רמב"ם אזוי. איך גלייב נישט אז אלע כרמלית'ן זענען זאכן וואס זענען בעצם יאר.

**כרמלית איז א חומרא, נישט א קולא**

דו קענסט פרעגן ווער האט געמאכט די פונקטליכע חלוקה. לאמיר זאגן אז ס'איז דא וואס איז א טראפ אנדערש ווי דאס וואס באקומט א דין רשות היחיד, אדער א טראפ אנדערש ווי דאס וואס באקומט א דין רשות הרבים. נו, סאו די חכמים גייען נישט יעצט מקיל זיין און זאגן אז מ'מעג אריינטראגן אהין פון רשות הרבים. פארוואס? ווייל די חכמים האבן געזאגט אז ס'איז נישט קיין רשות היחיד, און זיי זענען מחמיר געווען אז ס'איז נישט קיין רשות היחיד, און ממילא טאר מען נישט טראגן אינעווייניג.

נאכאמאל, אביסל מער טראפ אנדערש ווערט טאקע א מקום פטור, רייט? ס'וועגדט זיך אין די מצב. מ'דארף זען וואס מאכט עס אויס. לאמיר זאגן א פלאץ וואס איז א כרמלית ווייל ס'האט נאר א בולע א בולע, ס'איז נישט גרעסער פון דעם, יא? ס'איז נישט הויך צען טפחים, ס'איז געגדר'ט, ס'איז נישט קיין רשות היחיד. נו? ס'איז נישט קיין רשות היחיד, ס'פעלט א טראפ פון זיין רשות היחיד. זאלסטו זאגן אז מ'מעג יעצט טראגן אהין פון רשות הרבים?

נו, וואטס די פראבלעם? חכמים האבן מחמיר געווען אז דאס זאל נישט האבן קיין דין רשות היחיד, און ממילא האבן זיי עס א נאמען געגעבן כרמלית, אז מ'טאר נישט טראגן אינעווייניג. אבער זיי זענען נישט מקיל געווען און געזאגט אז יעצט איז דא רשות הרבים. פארוואס זאל מען נישט טראגן אינעווייניג? ס'איז נישט מער רשות הרבים, ס'איז א כרמלית. נו, חכמים האבן געזאגט אז ס'איז נישט קיין רשות היחיד. וואלט אז ס'איז א רשות היחיד און מ'מעג טראגן. מ'טאר נישט טראגן ווייל ס'איז א כרמלית. אבער זאגן אז מ'טראגט פון רשות הרבים אהין, וואלטן זיי דאך מיקל געווען.

איך זע נישט קיין מאל ווי ס'איז א קולא. ס'איז דאך קיין שום זאך וואס וואלט געווען אנדערש אין א רשות היחיד. אויב ס'וואלט געווען א רשות היחיד, וואלט מען געמעגט טראגן אויף דעם פלאץ. זייער גוט, אבער דאס איז נישט די סטארי פון די כרמלית. ס'איז דאך אויך ווען דאס איז די סטארי פון די כרמלית. א כרמלית איז א פלאץ וואס ס'פעלט עפעס פון זיין א רשות היחיד.

**Speaker 2:** פארשטייסט נישט וואס דו זאגסט. ס'איז נישט גענוג גרויס פאר א רשות היחיד.

**Speaker 1:** נו, ס'איז נישט קיין קולא. די חכמים האבן געמאכט א כרמלית. די חכמים האבן נישט געמאכט א רשות היחיד. רשות היחיד איז געווען דאורייתא. פון וואו קומסטו אז די חכמים האבן געמאכט א רשות היחיד? די חכמים האבן נישט געמאכט א רשות היחיד. רשות היחיד איז פון די תורה. די תורה האט געזאגט, אדער די חכמים זאגן אז די תורה האט געזאגט, האו עוועט ס'איז, אז א זאך וואס איז נישט צען טפחים הויך איז נישט קיין רשות היחיד. וואס איז עס? וואלט געדארפט זיין א מקום פטור. אבער טאמער ס'איז ברייטער ווי פיר טפחים, קומען די חכמים און זאגן ס'איז כרמלית.

אמת. מדאורייתא איז דאך אייגנטליך ברייט ווי פיר טפחים און וויניגער, ביידע זענען א מקום פטור. קיינער איז נישט קיין רשות היחיד. און די חכמים זאגן ס'איז א כרמלית.

**Speaker 2:** דו ווילסט זאגן אז ס'איז ענליך.

**Speaker 1:** דאס קענסטו יא זאגן, ס'איז גענוג ענליך. דו טרעפסט מיר א קעיס, די אמה וואס איז נאך נישט קיין צען טפחים, זאגסטו ס'איז גענוג ענליך צו א רשות היחיד אז מ'קען פארשטיין אז א כרמלית זאל אויך האבן חומרות כאילו ס'איז א רשות היחיד. אקעי, דאס קען זיין.

ס'איז טאקע, למעשה איז א כרמלית א חומרא. ס'איז טאקע, די חכמים מיט'ן מאכן כרמלית האבן געמאכט אז מ'זאל נישט זיין חייב מיט'ן טראגן אהין, אבער אויף א רשות הרבים מעג מען טראגן אין רשות הרבים פחות פחות מד' אמות, און אין א רשות היחיד מעג מען טראגן געהעריג אין די רשות

היחיד, און אין כרמלית טאר מען נישט. ס'איז זיכער אז כרמלית איז א חומרא, נאכאמאל. ס'איז זיכער נישט קיין קולא. ווייל אגען, מדאורייתא וואלט מען געמעגט לכתחילה טראגן צו איר און אין איר און אלעס. ס'וואלט געווען א מקום פטור. כרמלית איז א זאך וואס איז אמאל געווען א מקום פטור, כביכול, פאר די חכמים האבן עס גע'אסר'ט, לאמיר זאגן. און זיי מאכן א חומרא. דאס איז זיכער אז זיי מאכן א חומרא.

די שאלה איז נאר געווען, אז אויב דו זאגסט אז א כרמלית איז אזוי ווי רשות הרבים, אזוי ווי דער רמב"ם האט געזאגט, דארף זיין מותר צו טראגן פון רשות הרבים לתוכה. ער טייטשט אז ס'איז נישט מדויק, ס'איז דומה צו רשות הרבים און לפעמים דומה צו רשות היחיד. דאס איז וואס דו זאגסט, בעיסיקלי. על כל פנים, ס'שטייט נישט אזוי אין רמב"ם, באט אפשר איז עס אמת. אקעי.

**הלכה יד: המוציא מרשות לרשות וכרמלית באמצע**

זאגט דער רמב"ם ווייטער, סעיף י"ד: **המוציא מרשות היחיד לרשות היחיד, או מרשות הרבים לרשות הרבים**, דאס איז מותר. אבער **כרמלית באמצע**, צווישן אינמיטן רשות היחיד איז דא א שטח וואס הייסט א כרמלית, אדער אינמיטן פון רשות הרבים, איז לכתחילה טאר מען נישט טראגן, אזוויי דו האסט דזשאסט געזאגט, אבער **מ'איז פטור**. ס'איז נישט פשט אז...

**Speaker 2:** יא, פשוט ווייל ס'איז נאר א איסור מדרבנן.

**Speaker 1:** **וכן המושיט או הזורק, מזה לזה וכרמלית באמצע, איז פטור**. פטור מיינט פטור אבל אסור.

**דער חידוש פון דער הלכה**

דאס איז אפשר די חידוש. די שאלה איז צו די חידוש פון די הלכה איז אז ס'איז פטור, אדער די חידוש איז אז ס'איז אסור? ווייל לכאורה אז ס'איז פטור איז פשוט.

**Speaker 2:** פרעגט ער, אז אפילו ווען ס'איז א רשות היחיד... אפילו ווען ס'איז צוויי רשות הרבים באמצע וואלט ער געווען פטור, חוץ מושיט אין א געוויסע פאל, רייט? אזוי האבן מיר זיך געלערנט פריער.

**Speaker 1:** סא לכאורה די חידוש איז אז ס'איז אסור. די חכמים וואס האבן גע'אסר'ט צו טראגן אין א כרמלית, האבן אויך גע'אסר'ט ווען רשות היחיד צו רשות היחיד דורך א כרמלית.

**Speaker 2:** אה, ער מיינט צו זאגן אסור. דער רמב"ם וואלט געדארפט זאגן אסור.

**Speaker 1:** אבער דער רמב"ם זאגט, אונז האבן נאך נישט דערוויל געהאט אסור. אסור גייט ער זאגן וואו ער גייט רעדן די דרבנן'ס. סא ער בלייבט מיט זיין לשון פטור, אבער ער מיינט צו זאגן די הלכה אז מ'טאר נישט טראגן דורך א כרמלית.

**המוציא מרשות הרבים לכרמלית והניחו שם**

**המוציא חפץ מרשות הרבים לכרמלית והניחו שם**, ער האט געטראגן פון רשות הרבים צו כרמלית, וואלט געווען אויף די ערשטע דרבנן, און ער האט געמאכט דארטן הנחה, **וחזר ועקרו מן הכרמלית והכניסו לרשות היחיד**, אדער פארקערט, **הוציאו מרשות היחיד לכרמלית והניחו שם, וחזר ועקרו מן הכרמלית והוציאו לרשות הרבים, הרי זה פטור**.

ס'טייטש, ער האט געטראגן פון א רשות הרבים שפעטער האט ער עס געטראגן צו רשות היחיד, אבער אינצווישן האט ער עס אראפגעלייגט אין די כרמלית, איז ער נישט חייב, און מ'זאגט נישט אז ס'הייסט אז ער האט געטראגן פון רשות הרבים צו רשות היחיד. פארוואס? ווייל ס'איז נישט געווען קיין עקירה פון רשות הרבים און הנחה אין רשות היחיד, ס'איז געווען אינצווישן אן עקירה מיט אן הנחה אין די כרמלית.

**דיסקוסיע: די כרמלית מאכט גרינגער?**

ס'איז דאך בעצם א חידוש, ווייל די פריערדיגע זאך זאגט ער אז די כרמלית מאכט דיך נישט גרינגער, און דא זאגט ער אז די כרמלית מאכט דיך יא גרינגער, ווייל ס'האט דיך געראטעוועט פון איסור דאורייתא פון זיין חייב.

**Speaker 2:** ס'איז נישט דרבנן וואס פטר'ט אים, ווייל אפילו ס'זאל זיין א מקום פטור וואלט ער געווען פטור.

**Speaker 1:** אה, דאס איז וואס דו מיינסט, אז די חומרא מאכט אים גרינגער אזוי ווייט אז ס'זאל הייסן ווי דאס...

**Speaker 2:** יא, אקעי. ס'זאל הייסן ווי די פריערדיגע, גענוי, אז ס'איז טאקע נישטא קיין עקירה.

**הלכה טו: המוציא מרשות היחיד לרשות הרבים דרך מקום פטור**

ווייטער, **המוציא מרשות היחיד לרשות הרבים**. אבער יעצט זאגט ער, וואס טוט זיך אז ער איז געגאנגען פון רשות היחיד צו רשות הרבים, און ער איז געגאנגען דורך א מקום פטור ביניהם? אקעי, לאמיר יעצט גיין צו מקום פטור. אקעי, נאכאמאל.

**המוציא מרשות היחיד לרשות הרבים**, און אינצווישן איז ער דורכגעגאנגען אין א מקום פטור, אבער ער האט נישט אראפגעלייגט זיין זאך אין די מקום פטור, ער האט נישט געסטאפט. ווען ער וואלט געסטאפט אין די מקום פטור, וואלט עס געווען אזוי ווי ביי די כרמלית, ער וואלט זיכער געווען פטור, אפשר וואלט ער אפילו געווען מותר. אבער אויב האט ער דורכגעוואקט די מקום פטור **בהילוכו**, איז ער יא חייב.

מ'זאגט נישט אז די זיין אינמיטן אין די מקום פטור האקט אפ צווישן די רשות היחיד און רשות הרבים. פארוואס? ווייל **מהלך אינו כעומד**, ווייל ער האט דורכגעוואקט נאר, און דורכגעוואקט, מהלך, הייסט נישט אזוויי עומד. עומד האקט אפ, ער איז געווען אין רשות היחיד, אבער יעצט האט ער זיך אפגעשטעלט, ער איז געווארן אן עומד אין מקום פטור. אבער מהלך איז נישט אזוויי עומד, קוקט מען עס אן ווי ער האט געוואקט פון רשות היחיד צו רשות הרבים, און מ'רעכנט נישט די פלאץ אינמיטן ווי א סטאפ.

זאגט ער, **ואין צריך לומר בזרוק שעבר החפץ במקום פטור**. אויב איז א זורק וואס האט געווארפן פון רשות היחיד צו רשות הרבים דרך מקום פטור, איז ער ווייטער חייב, ווייל אפילו ס'איז דורכגעפלויגן אין מקום פטור, אבער ס'איז איינס חשוב כמי שהונח, און מ'קוקט נישט אן ווי די זאך, די חפץ וואס מ'טראגט, האט געלאנדעט, האט געהאט א מנוחה, האט זיך אפגעשטעלט אין די מקום פטור, ממילא איז די חפץ ווייטער ווי טראגן פון רשות היחיד צו רשות הרבים.

**עומד במקום פטור ונוטל חפץ**

די הלכות האבן מיר שוין געלערנט בעצם. האט ער געזאגט אז מהלך איז נישט כעומד. אז מהלך איז נישט כעומד, האט ער די זעלבע הלכה וואס מיר האבן שוין אויך געהאט לגבי רשות הרבים.

**הוי עומד במקום פטור ונוטל חפץ**, ער שטייט דארטן און ער נוטל חפץ **מרשות היחיד**, עומד אדם עומד שם, ער שטייט אין א מקום פטור לעבן די רשות היחיד, און ער נעמט איבער פון די רשות היחיד און ער לייגט עס אריין אין די רשות הרבים, אדער ער הייבט עס אויף אין די רשות היחיד, אדער ער נעמט עס פון א מענטש וואס שטייט דארטן. און די זעלבע זאך, ער לייגט עס אראפ אין די רשות הרבים, אדער ער גיבט עס איבער פאר א מענטש וואס שטייט אין די רשות הרבים. ער איז **פטור**, זאגט דער רמב"ם, פטור ווייל ער האט געמאכט די עקירה אדער די הנחה במקום פטור.

ביידע האט ער געמאכט, די עקירה און די הנחה האט ער ביידע געטון, ער האט געמאכט די עקירה פון רשות היחיד און די הנחה אין די רשות הרבים, אבער ווייל ער שטייט אין די מקום פטור, יא? ער שטייט אין די מקום פטור פטר'ט אים.

**דיסקוסיע: האט ער געסטאפט?**

**Speaker 2:** הא נוטל חפץ מרשות היחיד, ער שטייט דארטן, ס'איז א קליינע מקום פטור וואס איז צווישן א רשות היחיד און א רשות הרבים. רייט, אבער ער שטייט נישט דא, ער איז געווען א... וואס הייסט נח? ווייל

ער איז נח. מיר האבן דאך געלערנט, יא, אז ווען ס'וואלט געווען רשות הרבים וואלט ער געווען חייב. רייט? סאו, ווייל ער סטאפט אינמיטן.

**Speaker 1:** ס'שטייט נישט דא ממש, ס'זעט נישט אויס ווי ער סטאפט, ער נעמט עס איבער און ער טראגט עס. אבער ווייל ער שטייט אינמיטן, דא איז טאקע דא א חקירה, ער ברענגט אז ס'איז דא וואס טענה'ן אז דאס הייסט נישט אז ס'איז געסטאפט, און דעמאלטס וואלט ער דאך געדארפט זיין חייב. אבער דער רמב"ם זעט אויס אז דאס הייסט געסטאפט, ס'איז גענוג.

**וכן המוציא מרשות הרבים לרשות היחיד והוא עומד במקום פטור, פטור.** די זעלבע זאך, פריער האט ער געזאגט מרשות היחיד לרשות הרבים, און מרשות הרבים לרשות היחיד.

#### אנהויב פון נייע הלכות - קוועסטשענעבל רשויות

אקעי, סאו מיר גייען לערנען נאך אפאר הלכות וועגן רשות הרבים, רשות היחיד ריעלי, זאכן אין... איך ווייס נישט וויאזוי ס'קומט דא אריין, איך פרוביר צו געבן א קעפל, באט... קוועסטשענעבל רשויות און די סאלושן וואס זיי האבן. דאס איז נאך אלץ פארט פון הלכות רשויות. דאס איז אלעס מער וויניגער פארט פון וואס איז א רשות, און וויאזוי ווערט וועלכע רשות, און וואס איז מיט אלע מיני, וויאזוי זאגט מען, קוועסטשענעבל אדער עדזש קעיסעס הייסט עס אויף ענגליש, גבולי.

איז אזוי, **העומד ברשות הרבים גבוה עשרה ורחב ארבעה,** ס'איז הויך צען, ס'איז ברייט פיר, איז לכאורה איז עס א רשות היחיד. אבער ס'פעלט אים עפעס.

#### הלכה ט"ז: עמוד ברשות הרבים שאין בעיקרו ארבעה

### Speaker 1:

ס'איז דאך אלץ פארט פון הלכות רשויות, דאס איז אלעס מער וויניגער פארט פון וואס איז א רשות, און וויאזוי ווערט וועלכע רשות, און וואס איז מיט אלע מיני, ווי דו זאגסט, "קוועסטשענעבל" אדער "עדזש קעיסעס" הייסט עס אויף ענגליש, גבולי.

איז אזוי, **העומד ברשות הרבים גבוה עשרה ורחב ארבעה,** ס'איז הויך צען און ס'איז ברייט פיר, איז עס לכאורה רשות היחיד. אבער ס'פעלט אים עפעס, **ואין בעיקרו ארבעה,** און די באטעם פון די עמוד איז נישטא קיין פיר טפחים. מ'דארף האבן פיקטשערס דא, זיי האבן א פיקטשער וואס מ'קען זען קלאר די אלע זאכן, איך דארף באווייזן אויף די ווידעא סאמהאו, ביי דעיס, יא? פון אונטן איז פשוט וויניגער, ס'איז עפעס אזוי אזא... ס'ווערט טרייענגוליש פון אונטן. יא, ס'איז אן "אפסייד דאון קאון" אזוי ווי אביסל.

**ואין בו בגובה הקצר שלושה,** און די גובה הקצר, דארטן וואו ס'ווערט קלענער, דארטן וואו ס'איז נישטא קיין ארבעה, איז נישטא קיין דריי טפחים. אה, אויב ס'וואלט געווען שלושה, וואלט עס געווען טאקע א נייע רשות, וואלט עס געווען עקסטער, און וויבאלד ס'איז נישטא קיין צען טפחים דא, ס'איז נישט בעיקר ארבעה, וואלט עס געווען א מקום פטור. אבער וויבאלד אז ס'איז נישטא קיין דריי טפחים אזוי ווי איך ווייס דא, צווישן וויאזוי ס'הייבט זיך אן צו זיין ברייט פיר טפחים און די ערד, איז נישטא קיין דריי טפחים, סאו ס'איז כולי עלמא קאנעקטעד, **הרי זה רשות היחיד,** ווערט עס געהעריג רשות היחיד, ווייל דאס הייסט אזוויי גוד אחית מחיצתא מיין איך, ס'גייט אראפ פון אויבן, די פיר טפחים גייען אויבן, עכ"פ וויבאלד ס'איז נישט וויניגער ווי דריי טפחים לוידיג, שטערט אונז נישט דער פלאץ. אויב ס'וואלט געווען פלאץ, וואלט עס יא געשטערט. ממילא **הרי זה רשות היחיד,** ווערט עס געהעריג רשות היחיד אזוויי עני עמוד וואס איז צען ביי פיר, **ואם זרק מרשות הרבים ונח על גביו חייב.**

#### הלכה ט"ז: תל המתלקט

### Speaker 1:

יעצט איז דא נאך אן אינטערעסאנטע קעיס, וואס איז אויב מ'האט א הויכע זאך אזוויי אן עמוד ברשות הרבים, אבער עס האט נישט קיין גראדע ווענט, ס'איז א תל המתלקט, דאס הייסט, ס'גייט ארויף שיף אזוי ווי א בערגל, אזוי ווי א כבש, א רעמפ. איז דארף מען וויסן ווען הייסט עס אז ס'האט א וואנט. דער כלל איז, אויב **ס'מתלקט גובה עשרה טפחים מתוך אורך ארבע אמות,** דעמאלט איז עס א רשות היחיד, **והזורק מרשות הרבים לתוכו חייב.** דאס מיינט אזוי, אז אויב ס'איז זייער, אזוי ווי אויף ענגליש האט עס א ווארט, רייט? נישט "steep", יא? ס'איז זייער געלייגט, ס'נעמט צען אמות צו ווערן הויך צען טפחים, דעמאלטס הייסט עס נישט קיין רשות, דאס איז א הויכע רשות הרבים, אזוי ווי מיר האבן געפרעגט פריער. אבער אויב "within" פיר אמות גייט עס ארויף צו צען טפחים, קוקט מען עס אן אז דאס איז די וואנט, ס'איז פשוט אזא זייער א ברייטע וואנט. איך ווייס נישט פונקטליך וואס איז די סברא פון די שיעור, אבער ס'איז א שיעור וואס זאגט אז אויב "within" פיר אמות קומסטו אן צו צען טפחים, דאס הייסט אז ס'איז א וואנט, און ממילא איז עס א רשות לעצמו, ס'ווערט א רשות היחיד, ס'האט אלע דינים פון אן עקסטערע רשות היחיד. שטימט?

#### דיסקוסיע: פארוואס דוקא ארבע אמות?

### Speaker 2:

יא. דו פארשטייסט פארוואס דאס איז אזוי? איך מיין, איך פארשטיי, אז אויב ס'איז סתם זייער שיף, איז עס אויס מחיצה. אבער וואס איז פונקט פיר אמות? וואס איז דא?

### Speaker 1:

די ארבע אמות האט צוטון מיט די דין פון גוד אסיק. מ'זאגט אז פון וואו ס'איז ארבעה, קוקט מען אז אויף דארטן וואו ס'איז נישט ארבעה, איז ארבעה.

### Speaker 2:

איך פרעג וועגן די תל המתלקט. אז אויב למעשה אין די ארבע אמות ווערט עס עשרה טפחים...

### Speaker 1:

קלאר. די אנדערע צד איז אז ס'איז סתם א בארג, ס'ווערט אויך די רשות הרבים. אויב ס'איז גענוג "steep", ס'איז גענוג... אויב ס'וואלט זיך מתלקט געווארן עשרה טפחים במשך פון לענגער פון ארבע אמות, איז עס אזוי ווי א בערגל, איז עס א רשות היחיד, אבער פלוצלינג איז עס א רשות הרבים. אויף דעם מאכט עס יא גענוג אן עקסטערע שטח אז מ'זאל קענען געבן א מקום רשות היחיד.

### Speaker 2:

רייט. איך פרוביר יעצט צו כאפן צו פארשטיין די למדות פון דעם, ס'איז סתם עפעס א... מ'זאגט אז ס'איז דא אפילו א שאלה, וואס איז די טייטש ד' אמות? די ד' אמות איז די קרומע פארט? אדער די גראדע פארט פון אונטן, פארשטייסט? ווייל ס'איז לענגער. יא, לכתחילה זאל עס זיין לענגער, זאל עס זיין קערצער. איך וועל געדארפט זיין קערצער צו זיין. עניוועיס.

### Speaker 1:

אה, ער ברענגט רבי חיים, יא, ער האט געוואלט, וואס איז טייטש, וואו איז די מחיצה? וואס איז די פשט אז יעדע שטיקל? אקעי, למדנים האבן נישט קיין צייט. אקעי, חתן שלום, זיי לערנען זייער שיינע תורות, אבער אונז פארשטייען די נקודה.

#### הלכה י"ז: נעץ קנה ברשות היחיד - רשות היחיד עולה עד לרקיע

### Speaker 1:

יעצט קענען מיר לערנען וועגן בעצם די הלכה. די נעקסטע הלכה איז א פשוט'ע הלכה וועגן דעם אז א רשות היחיד גייט ארויף ביז די רקיע, אזוויי מיר האבן געלערנט. ממילא זאגט דער רמ"א, **הנותן קנה ברשות היחיד, אפילו גבוה מאה,** קנה טייטש א פייפ, אדער אפשר א... קנה איז א סארט ביימעלע, א קליינטשיגע ביימעלע, א הויכע שטאנג. הונדערט אמות, מסתמא א גוטע שטאנג. אפילו, אקעי, יא, **אפילו גבוה מאה אמה, וזורק מרשות הרבים ונח על גבו,** איז ער **חייב**. פארוואס? **רשות היחיד עולה עד**

**לרקיע**, רשות היחיד גייט ביז'ן הימל. פארדעם דארף מען שבת בלייבן אין רשות היחיד, ווייל מ'דארף אנקומען צום הימל. ניין, דאס איז על פי קבלה. על פי פשט, רשות היחיד איז נישט אזוי ווי רשות הרבים, וואס מיר האבן געלערנט שוין פריער די הלכה. רשות הרבים סטאפט ביי צען טפחים, און רשות היחיד גייט ביז די רקיע. סך הכל דארף זיין א הנחה. סאו אויב ס'איז אין די לופט, איז נישט קיין הנחה. אויב ער האט עס אקנה און ס'ווערט א הנחה, דעמאלטס איז מען עובר, אפילו ס'איז זייער הויך.

**דיסקוסיע: פארוואס איז רשות היחיד עולה עד לרקיע און רשות הרבים נישט?**

## Speaker 2:

איך פארשטיי נישט פאר איין מינוט, פארוואס איז רשות היחיד עולה עד לרקיע און רשות הרבים נישט?

## Speaker 1:

יא, איך ווייס נישט. דאס איז... מיר האבן געלערנט פריער וועגן רשות היחיד, אזוי ווי די פלאץ אונטן, און פארדעם איז רשות היחיד עולה עד לרקיע, ווייל ס'דארף דאך זיין א רשות הרבים.

## Speaker 2:

ניין, איך האב דיר געזאגט, ווייל רשות הרבים איז א פלאץ וואס מ'דארף קענען נוצן די רבים, אזוי ווי מיר לערנען עס פון אלע הלכות. רשות היחיד איז דיין גדר. רשות היחיד איז וואס באלאנגט פאר דיר, באלאנגט פאר דיר, ווער זענען זיי? ס'איז דאך נישט קיין רשות הרבים, זאגסטו נישט אז א מענטש וועט נישט גיין אזוי הויך. ס'איז דאך גארנישט קיין ענין. א יחיד צען, ער דרייט זיך דאך אויף די ערד, ער דרייט זיך דאך אויף די ערד.

## Speaker 1:

אקעי, דו פרעגסט אן אנדערע שאלה, פארוואס איז די שיעור צען טפחים? דו וואלסט געוואלט מאכן די שיעור ביז די ערד. דאס איז א שאלה אויף כל שיעורי חכמים.

## Speaker 2:

און אפילו, איך פרעג צוויי שאלות. היינט וואלסטו געזאגט אז למשל א מענטש פרעגט צו ער מעג נוצן עפעס, ער וויל נוצן א דראון, אויב ס'איז העכער רשות הרבים, איז נישט קיין שאלה פון מעג.

## Speaker 1:

ניין, יענץ איז א חושן משפט שאלה. יעצט לערנען מיר הלכות שבת. און אין הלכות שבת איז ווייניגער ווי חושן משפט. דאס הייסט, ער איז נישט נאר תלוי אין... דער שמש איז רעכט. אזוי זעט מען דאך קלאר, דער שמש איז דער עיקר. אזוי טוט זיך ווען דער רשות הרבים איז דאך י' טפחים. א רשות היחיד דארף האבן נישט מיט שמש אזוי שטארק. אזוי מיין איך איז די סברא. מ'קען עס פארשטיין. אפשר איז דא אנדערע נאכטעס.

די משנה זאגט אז די קדושה עולה עד לרקיע, דאס איז רשות היחיד פון דער אייבערשטער. איך געדענק נישט. וואס טוט זיך אזעלכע שאלות ווען מ'פליט מיט א פליען העכער א... העכער א רשות הרבים, העכער א מקום המנוגע. אדער העכער א... פארקערט, העכער א מקום, אזוי ווי א כהן העכער א בית הקברות. טעקניקלי גייט עס ביז לרקיע, אבער אפשר איז דא פחות ד' טפחים. לרקיע איז מסתמא א גוזמא. איינער פליט מיט אן עראפלאן... אוקעי, ס'איז נישט קיין הנחה. רעדן מיר וואס צו רעכענען ווען ס'איז דא הנחה.

**דיסקוסיע: די שאלה פון ד' על ד' ביי קנה**

## Speaker 2:

דא איז דא אן אנדערע פראבלעם, אז די קורות... דער רמב"ם זאגט נישט אז די קורות דארפן זיין ד' על ד'. לכאורה, עס דארף זיין הנחה מעל גבי מקום ד' טפחים. סאו עניוועי, ס'רעדן די מפרשים וועגן די פראבלעם. ס'איז נישט קלאר.

## Speaker 1:

יעצט קען מען לערנען נאך א דין. ס'האט נישט לכאורה צו טון מיט די פריערדיגע דינים.

## Speaker 2:

איך טראכט אבער, די נוי ע"ג קורה ברשות היחיד איז דוקא באופן ווען ס'איז דא עפעס. למשל, אויב א מענטש האט געווארפן עפעס צו די אויר העכער רשות היחיד, און איך ווייס א פייגל האט צוגעגעבן א כאפ. קען זיין ס'איז דא א שאלה וועגן... איך ווייס נישט, ס'איז נישט קיין הנחה. אבער וואלסטו געוועזן קיין הנחה... די קורה דארף זיין הנחה, אדער די קורה אויך, כאילו ס'דארף זיין עפעס וואס זאל האבן א קשר צו די רשות היחיד אונטער דעם. דו ווייסט וואס האט אפשר צו טון מיט די שאלה פון ד' על ד'? האסטו וואס צו זאגן דא? אז פארוואס... אז ווען ס'איז אין רשות היחיד איז נישט דא דער דין פון ד' על ד'? ווייל די קורה, אזוי ווי דו זאגסט, די קורה קאנעקט עס צו די ערד, ס'איז כביכול פארט פון די ערד. אין רשות הרבים העלפט עס נישט. אבער... אוקעי.

**הלכה י"ז: אילן שעומד ברשות היחיד ונופו נוטה לרשות הרבים**

## Speaker 1:

אילן, א נייע הלכה וואס האט נישט צו טון מיט גארנישט. **אילן שעומד ברשות היחיד ונופו נוטה לרשות הרבים** - ס'איז דא א בוים אין א פריוואטע רשות, אבער זיינע בלעטער, "נופו" מיינט זיינע בלעטער, זיינע צווייגן, שטעקן זיך ארויס אין רשות הרבים. **וזרק ונח על נופו** - ס'איז געפאלן די... "וזרק" פון וואו? פון רשות הרבים. יא. **ונח על נופו** - אז ס'איז געגאנגען אויף די... נישט אין די רשות היחיד. אויב ס'איז נאר עולה עד הרקיע, איז געגאנגען אויף די לופט שברשות הרבים, דעמאלטס **פטור, שהרי אין הנופל הולך אחר העיקר**. איינער וואלט געקענט טענה'ן די זעלבע הלכה אויף חייב, ער וואלט געקענט זאגן אויב ער ווארפט עס אין רשות היחיד, חייב, שהרי אין הנופל הולך אחר העיקר.

